STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03164

DER MENTSH IN TOGN

Menke Katz

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מ ע י נ ק ע ק אַ ץ

דער מענטש אין טאָגן

פאַרלאַג „סיגנאַל“ באַם פּראָלעטפען
ניו-יאָרק 1935

DER MENTCH IN TOGN

Dawning Man

Copyright by Menke Katz

New York, 1935.

490

אַסטאָריאַ פּרעס

61 א. 4טע גאַס, ניו־יאָרק

כ אַ ס ק ע ז

אַרבעטלאָזע

[redacted]

[redacted]

[redacted]

[redacted]

זייגערלעך

1

רעדעלעך, שרייפעלעך, שרויף־שרויף־שרויף:
רעדעלעך איילן צו נייע זומערס,
ווייזערס גייען אַרויף, אַרויף, אַרויף,
און פירן די זון דורך צוועלף נומערן.

דער איינס טראָגט די נאַכט אױף אַ פינגער,
דער צוועלף האַלט דעם טאָג אינמיטן —
אױף די ווייזערס ווערט די צייט אַלץ אינגער,
פון וויאַלע נעכטנס ווערן מאָרגנדיקע צוויטן.

אַ, זייגערלעך דינע פון פיינסטן שטאָל,
און זייגערס גרויסע פון מעש פון שווערן
וויפל רעגעס אין אַ לעצטער שאָ?
אין אַ טויטנהויז, אַ, וויפל טרערן?

און ענטפערן וועט טיק־טאַק, טיק־טאַק,
דער נעכטן זשאַווערט אױפן הענקערס האַק.

2

זייגערלעך אין די עלטערע יאָרן,
קאָרטשען דעם פּאַרקלערטן מעש אין קאַרבן,
און ליגן אין שייד ווי אין אַן אָרן —
די רעדעלעך שעפּטשען צו זיך ש—ט—אַ—ר—ב—ן.

די קריצנדיקע ציינער פּאַרשטומען.
ראַסט דאָס האַרץ און ראַסט די מאַרך־געוועבן,
דורך זיי דער שטויב שפּרייט גרויע בלומען —
דעם מייסטערס הענט סוידען זיך מיט לעבן.

און שטיינדעלעך פינקלען אויף ווי אויגן,
די ווייזערס קרייזן וועלטישע רינגען —
ניט קיין גאָט איז איבער זיי געפלויגן,
נאָר שרייפעלעך און דעם מייסטערס פינגער.

און זקיינים־זייגערלעך — נייגעבאָרן,
זייען אין וועג פרילינגדיקע יאָרן.

3

רעדעלעך ווי לעבעדיקע גלידער
צעוואָרפן אַף איינזאַמע וואַרשטאַטן —
רעדעלעך באַם מייסטער זיינען ברידער,
יעדער פינגער איז אַ טאַטע.

אין די זייגערלעך טיקט דעם מייסטערס האַרץ,
דורך די רעדעלעך גייט די זון איר גאַנג,
די טריט גייען לויטער ווי אַף אַ האַרף —
איך האָב געשליפן יעדן קלאַנג.

איך האַלט די זייגערלעך צאַרט באַם אויער,
און הער וואָס די רעדעלעך דערציילן,
דורך איין רעגע גייען דוירעס טרויער —
נאָר שטורעמס קענען די צייט היילן.

רעגע-ווייזערלעך צום מאָרגן יאָגן,
מיר גליען ווי די נאַכט פאַרן טאָגן.

4

זייגערס וואָס פויזען אין בלינדע הייזער,
הויכן דעם אָטעם אויס אין יעדן שלאָג;
אַף ציפערבלעטער די מידע ווייזערס
שאַרן די וועלט צו דעם ליכטיקסטן טאָג.

ראָסטיקע ספּראַנזשינעס שלעפּן די צייט,
ווי לויזע ציין שאָקלען זיך די שרויפן;
דער ווינט — אַ ווערגנדיקער, שרייט
אין פּוסטע טעפּ פון פּראָסטיקע אויוונס.

זייגערס שטאַרבן פון בענקשאַפט נאָכן מייסטער —
די נויט שלעפּערט די פּאָמפּעדיקלען איין,
קרייזן זיך שאָטנס פון טויטע זייגערס,
די שטילקייט שטומט אויס יאָרטויזנטן פּיין.

מאַירעוו פאַרגייט — אַ בראַנדיקער פייגער,
אין מיזרעך די זון — אַ נייער זייגער.

שטאָט און פּראָסט

1

פאַרנאַכט

שטאָלן גליען ווי קוזניעס אין די הויכן,
דער ווינט אין פייער ווי אַ בלאָז-זאַק בלענדט —
טורעמס קענען זייער סאָף ניט גרייכן,
די זון בויט באַריקאַדן — בליצן-ווענט.

די שטאָט זינגט אַ מאַיסע פון אַמאָל:
אָף בראָדוויי זיינען הירשן געשפּרונגען;
אַ, שטאָט, דיין האַרץ איז ראָד, דיין מאַרך איז שטאָל.
דיין שטאַם איז בלוט פון מויערער-יונגען.

כ'וועל דיין גרויס אין קליינע לידער ראַמען,
און דיין הויך מיט הייסע פערזן מעסטן,
דער טאָג ברענט אויס אין פּראָסטיקע פלאַמען;
קוימענס ווערן פאַר די שטערן — נעסטן.

און הוימלאָזע נאַכט פון שטיין און טרויער,
קריצט איר אומגליק אויס אָף דיינע בויער.

2

נ אַ כ ט

אַ העלער מידבאַר — די ענדלאָזע שטאָט.
די מויערן — שטאָלענע מיראַזשן;
עס זייען דעם עלנט היימלאָזע טריט,
קליידער אַף לייבער — צעפליקטע באַנדאַזשן.

און הענט וואָס זיינען: זונען און שטערן,
דאָס ליד פון שטעט און זינגענדיקן קאָרן,
ליגן שטייף צו שטיינער צוגעפראָרן,
מיט בלוט און אָדערן אין מיסט צו קערן.

די שטאָט מיט ריזן־אייוורים שלאָגט.
בוים, מענטש און שטיין — אַ ברענענדיק געפלעכט;
מיט טויט — מיט בייטשן פון שטאָל, דער ווינט יאָגט,
מענטשן גייען מיט דעם פראָסט אַ טאַנץ.

די קעץ צום טאַקט אַזוי עלנט קלאָגן;
דורך נאַכט און פראָסט היימלאָזע טאָגן.

3

פאַרטאָג

פאַרטאָג איז שטאַרק מיט ביין און אייזן,
מיט טויטע לייבער אין די בראַנדיקע שטראַלן;
קעגן זון — פויסטן ווייזן:
די נאַכט וועט פאַלן, פאַלן, פ—אַ—ל—ן.

ניט אַזאַ פאַרטאָג וועט דעם פיין צינדן.
די באַזיגטע נאַכט באַהאַלט זיך אויס —
אין די אויגן פון אַ בעטלער אַ בלינדן,
אונטער שוידער-מאַסקעס פון אַ טויטנהויז.

זי וואוינט באַטאָג אין כורוועדיקע שטיבער,
אין ווייכע ביינדעלעך פון אַ קראַנקן זויגקינד,
אין אַ מאַמעס מורמלען: „אָי ווי און ווינד“, —
זי שוואַרצט דורך אונדזער בלוט אַריבער.

דורך נעכטנס, דורך אַלטע היינטס, דעם מאָרגן יאָג,
אין אומרו פון אַדערן איז אונדזער פאַרטאָג.

ברודער־אינזל

שפּעטער טאָג צעשמעלצט זיין שטאָלענעם געביין,
און טריפט רויט אַראָפּ — באַם גרויען איסט־ריווער.
פייער־אָטעם בליצט און צאַפּלט זיך אַף יעדן שטיין,
און צינדט אין פּורפּור די שטאַרע, טורעמדיקע שטיבער.

מיט מענטשן געפּאַלמעסטע — פויזעט אַן אַלטע באַרזשע
און ברעכט איינדרייען זיך אונטער שווערע לאַסטן,
און וואַיעט הייזעריק
דורך רערן צעגריזשעטע פון וואַסער־זעגן.
ניט צו זען איז דאָ דעם קאַפּיטאַן,
ווי זי וואָלט איר וועג אַליין געוואוסט,
פויזעט די אַלטע באַרזשע
מיט אַרבעטער — פון געלעגערס שטיינערנע אויפגעקליבן.
אַפן דעק ליגן זיי — גוף אַף גוף,
באַדעקט מיט דורכגענעצטע טראַנטעס.
אַף די טויטע הענט — מאַזאָליעס אָנגעריבענע
באַ הייסע קעסלען,
אין צעבליטע גערטנער, באַ בלומען און באַ מויערן.

צום פאַרוואָרפענעם בייסוילאָם — צום „ברודער־אינזל“
פויזעט די אַלטע באַרזשע
און וויגט די לויזע, צוגעפוילטע ברעטער,
און וואַרטשעט בייז דורכן זשיפּנדיקן קוימען,
ווי זי וואָלט טויט פון די היימלאָזע טרויערן.
עס לויפן יאַכטשיפן פלינק פאַרביי,
און כויזעקן מיט מיניענדיקע פאַרבן—מיט זילבערדיקע מאַסטן.

דורך אומעטיקע שויבן פינקלט דער איסט־ריווער
מיט אָוונט, מיט שיפן, מיט בריקנגעפלעכט.
די אַלטע באַרזשע גראָבט וואַסער־גריבער.
די זון שטעלט זיך קעגן פאַרגיין און שעכט
דעם לאַנגן שאָטן פון דער פויזנדיקער באַרזשע,
און ברענט אין טייך ווי אומבאַזיגבאַרער פייער.

מיין טאַטע הירשע־דאָוויד

1

אין פאַבריק

די זיידפאַבריק קלעטערט הויך און ווייט —
מיט גוואורע, אויסגעזויגן פון מיין טאַטנס גלידער.
דער פאַרטאָג — אַ געפאַנגענער — שרייט
דורך קוימענס, שקלאַפערישע לידער.

זיינע נעכט האָבן ניט געבאָרן קיין באַגינענס.
די שווייסיקע מאַשינען האָבן ניט געזען קיין פרילינגס,
הייסע, ווערגנדיקע פאַרבן — געוועזן זיינען סעדער.
פאַבריקנרעדער האָבן זיינע טעג צעמאָלן.

ס'איז מיין טאַטע גרוי און הויך און אומעטיק ווי אַ ווערבע.
שאַבעס ברענגט ער דעם אינדערוואָכן אין בייסמעדרעש.
די הענט בלאַנקען ווי געשייערטער מעש.
דאָס דאַוונען נעמט דורך פינצטער זיינע גלידער:
„שווער, אָ, שווער צו כאַווערן זיך מיטן טויט, נאָך שווערער מיטן לעבן,

אַז אוילאַמהאַזע איז ניט מער
ווי אַ טרויעריקער אָס אַף אַ מאַצייווע אויסגעקריצט,
אַז אין בלי פון פלאַנץ און מענטש לעבט גאָטס קער —
איז גוט אַזוי אַ מידער פאַלן אין גאָטס הענט.“

אין „לאַדאַי“ ראַיפן גערטנער און ס'ראַיפט דער זייד אין שוויים פון לייבער,

עס סקריפּעט זייד מיט ביין פון שטאַרקע יונגען,
מיט פראַצע פון קינדער און שוואַנגערדיקע ווייבער.
אין די אויערן — צעשפּוזעטע מאָטאָרן,
ווי כאַיעס משוגענע רעוועוּנדיק נאָך רויב.
ווי וואַנזיניק עס איז דער טאַנץ פון שטאָל אין זיידפאַבריק,
נאָך וואַנזיניקער טאַנצט דער וויין אויס אָרגיעס פון רויב,
אַף גאָלד און מאַרמאָר פון הארם פּאַלאַצן.

2

אין גאַס

פאַבריקן פּינקלען שטום באַם זונאויפגאַנג,
און גליווערן שווער מיט פאַרלאָזטער פראַצע.
אין מיין טאַטנס הויז קלינגט די פּוסטקייט אין ליידיקע טעפּ,
און הונגער קוקט סקעלעטנדיק פון יעדן ווינקל.

גאַסן מיט רויש פון סאַמעט און פון זייד.
עס ווייסט מיין טאַטע
פון פינגער צעזעגטע אַף יאַגנדיקן זייד,
וואָס רויטלען זיך ווי פאַסן זונפאַרגאַנג —
און ס'דאַכט מיין טאַטן,
אַז זייד איז רויט מיט בלוט פון וואונדן.

3

מיין טאַטע דעם ערשטן מאַי

קעגן אים —
הענט פון גראָבן, האַקן, דרייען, שאַרן.
מויערער פון שטעט, אָנזאָגער פון שטורעמס,
דורך שמאָלע געסעלעך, דורך שטאָלענע לענדער.
גאַסן, בריקן און לייטערדיקע טורעמס
דערקענען היינט זייערע האַרן.

ווי די זון, דער ענדלאָזער מאַרשרוט —
צעשניידט דעם טאָג אַף פלאַקערדיקע וועגן.
אומרו אונטער נעגל בריט,
אומרו, ווי שרויט אין הונגעריקן בלוט,
און העל און גוואורעדיק איז דער געמיט,
ווי יאַמען וואָלטן רייסן זיך פון ברעגן —
מיין טאַטע, פינצטער, פינצטער, דורך בלענד פון פאָנען,
ווינט אַרויס מיט הוילן לייב דורך שטיקער טראַנטעס.
ער גרויט מיט זשאַווער פון פאַרשטומטע רעדער,
די הענט וויגן זיך פוסט און פאַס,
און לאָזן נעגל־שפורן אין דאַרן לייב.

איך בין אַ שיק־אינגל

איך בין אַ שיק־אינגל, מיט פּלייצעס ווי קלעצער דעמבענע,
מיט אָרעמס ווי שלעפּשטריק שטאַרק,
איך וואָלט העגקער געבונדענע
שלעפּן אַף מיין קאַרק.
טראָג איך אין די שטאַרקע הענט שטעקעלעך פּאַר לאָרדן,
און קליידער זיידענע מיט וואָכן פּראַצע אין יעדן פאַלד.

עס גווידערן זיך דאָ פּענימער ווי פּליישיקע נולן,
און ס׳לויכט אַף זיי די מי פון מידע דינער.
דאַמען מיט פּליושענע געזעסן
וויקן די פוילע טעג אין פינקלענדיקן וויין.

אין אַ בליענדיק בעט וויאַגעט אַן אַלטע פּרינצעסן,
און זויגט אין מאַרדע אוים פון האַרבסט דעם קופּער־שיין.
אַפן סטעליע — דער געמאָלענער הימל,
פירט דעם מילכוועג דורך לענדער און דורך שטערן.
אַף סאַמעטענע טעפּיכער — אויסגענייטע בערן,
רייסן זיך צום ווילדן וואַלד אַף די ווענט.
איך ווער נאָך דעם וואַלד מיט די בערן צעפּליקן מיט די הענט,
און מיט האַרטע פויסטן, ווי מיט האַמערס,
צעשטויבן דאָ דעם שימל.

איך בין אַ שיק־אינגל מיט אַ היימלאָזן ווייב און היימלאָזע קינדער.
מיין זון וואַקסט צאַרנדיק און שטאַרק ווי איך:
ווען פון ברעג צו ברעג וועט דער סוינע פלאַקערן,
און זיך פּעכטן קעגן אונדז אין פייערדיקן באַרג־אַראָפּ;
וועט מיין זון קעגן סוינע
זיך טראָגן מיט קוילנגערעוו—מיט מאַכנעס צעבונדענע העלדן.

בערל דער הימלאָזער בויער

1

עס שמעקט מיט בראַנד פון פראָסטיקן יאַנוואַר,
און איבער בערלין
שטייגט די שטאָט מיט פענצטערדיקע ווענט.
און איבער בערלין
האַלט זיין פראַצע דעם צעמענט,
און היט פון בייז אָפּ יעדן האָר.

אַזויפל הונגעריקע שאָען אין קורצע מעסלעסן,
אַזויפל הימלאָזע טעג אין אַ פראָסטיקער וואָך;
אין וואָלסטריט-שטאָט, ווי אין אַ שטאָלענעם וואַלד,
האָט ער פון קאַווע שוין לאַנג פאַרגעסן.

עס כויזעקן מיט אַלדאָסגוטס די רעסטאָראַנען:
„וואָס איז נאָך ווי אַ קאַרשנזאַפט געשמאַק?"
גאַנצע פעלדער פרעגלען זיך אין פאַנען,
ער און גאָס זיינען וויסט —
כאָטש נעם און לייג זיך אין אַ פעסל מיסט,
צווישן אָפּפאַל — ווי אַ מיסטיקער זאַק.

2

גאַסן קלאָגן אַף ווינטיקע האַרפּן.
נאָך ראַיעט אין בערלס בלוט
פון זיינע קינדער דאָס הונגעריק געשריי,
איצט גלעטן זיי
די צדאָקע־הענט פון יעסוימים־הויז,
און געלע טוירעס איבער זיי
שרעקן מיט אָוועס — מיט באַרמענען־געשטאַלטן;
אין „שטערן" פון הייליקע פאָנען
ליגט יעהאָווע באַהאַלטן,
און שעפּטשעט קרישמע — די „קאָנסטיטושן".

דער שיידוועג שפּאַלט זיך נאָך אין בערלס זיקאָרן:
פון היים און „עוויקשן" — אַ נאָגנדיק געמיש;
אַף בלאַנקע טעלער, ווי אַף אַ וואָג,
האָט דער הונגער זיך אליין געוואויגן;
פון היים און „עוויקשן" — אַ נאָגנדיק געמיש:
עס טוליעט זיך דערשראָקן אַ שטול צו אַ טיש,
דאָס זויגקינד איז מיט וואַסער אָנגעזויגן,
קינדער מיט רייכעס פון אַלטע גראָזן.
דער מאַמען האָט די נויט צוגענומען
און איר טויט אַף די ווענט געלאָזן.
דער פּראָסט וועבט קאַלטע בלומען,
דער זייגער באַלבעט לאַנגע שטונדן:
— עוויקשן, עוויקשן, ע—וו—י—ק—ש—ן,
דער ווינט בילט
דורך שפּאַרעס ווי דורך אָפענע וואונדן.

געקומען זיינען בלאַנדע און בראָנזענע יאַטן,
געקומען זיינען פלינקע יאַטישע פרויען,
און געטראָגן בערלס פיין — אַף מאָנענדיקע פּלאַקאַטן;
געקומען זיינען מאַכנעס פּראָסטע באַלשעוויקעס,
מיט ליכטיקע רופן אַף פינצטערע ראָגן,
און זיך געשלאָגן מיט ברואים אין בלויען.

3

עס העלט אַרוים די פרייד דורך פינקלענדיקע שויבן,
און ווייזט בערלען אַן אָנשפּאַר אַף אַ באַנק אין פּאַרק —
ער שמעקט מיט בראַנד פון פראָסטיקן יאַנוואַר,
און ווי די באַנק
איז בערל — שמאָל און לאַנג און דאַר.

אָ, היימלאָזער בויער — צעפראָרענער ברודער:
באַיט אוים דיין פיין אַף האַס און קאַמף,
און זיין וועסטו נאָך אַ קאָל אין צאָרנדיק געזאַנג,
וואָס טראָגט זיך ווי אַ פּולווערדיקער גוואַלד,
און זאָגט אָן —
ווי פון טאָרנאַדאָס,
וועלן וויגן זיך שטעט און לענדער;
פון קייטן
וועלן רינגען פאַלן — און זיך שיטן
מיט זשאַווער פון דוירעס.

אַף ערד פון טורמעס און פון טליעס
וועלן בליען זינגענדיקע סעדער.

פראָפעסאָר גראָו

1

א י ן ל א ב אָ ר א ט אָ ר י ע

דער פויגל באַבאָלינק
מיט וואַנדער־גלוסטן פון אַ האָבאָ,
זעגט די שטייג מיט הארטן שנאָבל
און שפּירט:
ווי פאַרביי פענצטער רופט די פרייהייט;
ווי מיט דעם פרילינג הוליען פייגל.

דער אומרואיקער באַבאָלינק
מיט וואַנדער־גלוסטן פון אַ האָבאָ,
וואָלט מיט וואַנדער־לידער
איבער קאַראָליינאַ איצט געפלויגן,
און לאָזן היימלאָזע שפּורן אין פרעמדע נעסטן,
און טשופּן זיינע פעדערן אין ווייטע לענדער —
נאָר גרויע פּראָפעסאָרן,
וואָס ציילן אוים די יאָרן
אין איינציקע צעלן פון פּראָטאָזאָען —
האָבן ליב אַזוי־זיך מעסטן
פון שיינעם באַבאָלינק די געהירן,
און קוקן לאַנגע שאָען,
ווי אין אָפּגעהאַקטן פויגל־קאָפּ
וועט זיך די פּראָטאָפּלאַזמע רירן.

— — — — — — — — — — — —

זיצט דער באַבאָלינק
אויסגעשטאָפּט מיט בעסטער וואַטע,
מיט אויסגעשטרעקטע פינגער
ווי אַ בעטלער אַ הארבאַטער.

אין זײַנע אַראָפּגעלאָזטע פליגלען —
פאַרשניטענע װאַנדער-גלוסטן פון אַ האָבאָ,
און פּראָפעסאָר „גראָו“,
איבער מיקראָסקאָפּן אײַנגעבױגן,
פאַרבט אין בלױ — די נוקליאײ
פון באַבאָלינקס טױטע אױגן.

2

פּראָפעסאָר גראָוס פרײַנט

ער האָט אַ װעלט פון פליגעלעך באַשאַפן,
און מיט זײ װי מיט פרײַנט פאַרבראַכט —
די מיט שנײאיקער הױט,
רימען זיך מיט שטאָם פון װײַסע סלאָיען;
און די מיט שװאַרצקײט פון אַ קראָ און נײַגונגען צו רױב,
האָט ער געהאָדעװעט דורך נאַכט.
און פליגעלעך פאַרביקע װי רעגנבױגנס —
אַזױנע װאָס פליען װי נאַכטיגאַלן,
און די װאָס קלעטערן װי אַפן,
פליגעלעך װאָס פלירטעװען װי פרױען,
און אַזאַ װאָס אײנזאַמט אַלײן.
און װאָלט פּראָפעסאָר גראָו זיך דערטראַכט
צו אַ פליגעלע, װאָס ראַנגלט זיך אין מױל פון שפּין —
װאָלט ער פאַרשטײן,
װי עס שנײַדט דער צאָרן אױס די פינצטערניש פון זינען.

3

איבעריק

אין לאַבאָראַטאָריע — דעם פרימאָרגן
גריזשען די מיקראָבן.
די מיקראָסקאָפּן היטן, ווי צעלן זיך ליבן.
פּראָפעסאָר גראָו, ווי „פּאָום ראָב“,
מורמלט דאָס איינציק וואָרט „איבעריק“,
וואָס איז אים היינט פון זיין נאָבעלן „דין“ געבליבן —
וואָלט כאָטש דאָס פינצטער וואָרט, ווי אָפּן האַלדז אַ שטריק,
אים דערוואָרגן,
וואָלט ער אַצינד ווי דעם פויגל באַבאָלינק זיך צעגעמען,
זיך זעצען אויסגעשטאָפּט אין לאַבאָראַטאָריע,
און אַזוי מיט זיין טויט פאַרשעמען
אַמעריקעס גלאָרי.

4

פּראָפּעסאָר גראָו באָם יאַם

אין מאַירעוו פאַלט די לעצטע פּורפּורוואַנט.
די נאַכט האָט אין יאַם זיך אויסגעבעט.
פּראָפּעסאָר גראָו מיט זעלבסטמאָרד־טריט שפּאַנט.
עס זילבערט זיך אין וואַסער זיין פּאַרמישפּעטער שאָטן.
צו שטאַרק איז ער מיט דער נויט זיך ווערן —
מענטש און וואַלד און קלעטערדיקע שטעט,
זעט ער באַם יאַם אין שטיינדעלעך צעשאָטן.
פּראָפּעסאָר גראָו קלערט און די טיפן הערן:
— איך און שטערן און פּאַרלאָשענע צייטן,
זיינען גלעלע נולן אין מאָיליקע בלעטער.
די ווייטסטע לענדער ווערן נאָענטע יאַמען,
די שענסטעביימער — טאַרעברעטער.
ווי איז דעם וואָס וועט דעם טויט פּאַרזאַמען,
קראַנקע בלומען צופּן אויס אַליין די בליטן,
און שמעקן מיט ריסן פון רויע שניטן —
נאָר גאָט איז אין אייביקייט געפאַנגען,
ווי און ווינד, ער וועט דעם טויט פּאַרזאַמען.

דער יאַם האָט דעם מענטש געפונען,
זיינע טעג אין אָפּגרונט — פּאַרלאָשענע פונקען;
ניט ער —
די האַנט פון גאָלד האָט אים דערטרונקען.

5

פּראָפעסאָר גראָום פליגעלעך

זײן אײנזאַם הויז — מיט צעשטראַלטן מיסט,
האָט װי שטענדיק די פליגעלעך גענערט —
איצט,
האָבן שפּינען זײער זשום דערהערט.

אַ גאַנצע װעלט
האָט זיך אין שפּינװעבס אָנגעקליבן,
נאָר אײן פליג װי אַ בײזװאונדער
איז אין מײן ליד געבליבן.

לאַנגע רעגעס אַלײן
האָט זיך דאָס קראַנקע פליגעלע געהײלט,
און פאַרן כאַלאַל מיט געװײן
איר בענקשאַפט דערצײלט:

— מײן עלטער קריצט שױן קאַרבן,
אין שרעק פאַר שפּינען — מײן יוגנט אָפּגעגעבן;
אומעטיק אַלײן צו לעבן,
אומעטיק אַלײן צו שטאַרבן.

זי האָט פאַר לאַנגװײל
אירע שײנע פיסעלעך געשליפן —
פון אײביקײט געקלערט אַ װײל,
און הײדאַ, מיט דער לופט גענומען שטיפן.

אַף עלעקטרישער זון
האָט זי יעדן שטויב געהיט,
און דערפון
הויפנס פליגעלעך געבריט.

אין דינסטן ציטער —
האָט די מאַמע זיי דערצויגן,
און ס'זיינען קינדער פון פּראָפעסאָרס דיל
צו דער סטעליע געפלויגן.

מיט אַ זינגענדיק גוואַלד
האָבן זיי צו דער זון זיך געהויבן,
און אַ פליענדיקן וואַלד
געוויזן אַף די שויבן.

— — — — — — — — — — — — — —

איז געווען אַמאָל אַ מענטש —
דאָס האַרץ פון ווערימל האָט ער געהערט,
די נעשאָמע פון מיקראָב געזען,
נאָר דעם ברום פון וועלטנפאַל האָט ער פאַרהערט —
די ליכטיקייט פון מאָרגן האָט ער פאַרזען.

סאַל דער פידל-קינסטלער

און אַז סאַל האָט דעם סוינעם האַנט
דאָס גאַנצע גאָלד פון זיינע פרילינגס אָפּגעגעבן,
איז אים געבליבן: שטויב פון טעאַטער-ווענט,
פון רעדעוודיקן ליילעך דאָס צוגעזאָגטע לעבן.

ווייסט שוין סאַל, ווי שווער עס איז פאַרביי פענצטער טרעטן
און אָטעמען די רייכעס פון אַ טאָרט אַ פרישן,
ווען גאַסן זיינען — פאַררעגנטע בעטן,
און מיסטיקע פעסלעך — טרויעריקע טישן.

און אַז ער קען פון הונגער ניט אַנטלויפן,
אַז ער טראָגט אין נאָרע דעם פראָסט אונטער דער הויט,
מוז ער זיין פידל ווי אַן אייגענע האַנט פאַרקויפן —
זיצט סאַל ווי אַ שטיין אין שטיינערנעם מאַרק
און שפּילט זיין עלנט אוים ווי דער ווינט פאַר גאַסנהינט.

עס שרייט דער אַלטער מאַרק
מיט פאַררויכערטע פעדלערס, מיט סווישטשענדיקע באַנען,
מיט ניטדערקווילעטע אויפעס פון נאָענטן שלאַכטהויז:
איבער אים רודערט דער וויליאַמסבורג-בריק —
מיט פולע אָטעם אַף דעם שטאָלענעם קאַרק.

אַז סאַל האָט זיין פידל אַף זופּ צעביטן,
האָט ער מיט ציטערדיקע פינגער,
ווי אַף זיין פידל, נאָך לאַנג געשפּילט
און געצופּט די האָר ווי וויטיקדיקע בליטן.

ווען היימלאָזע נעכט האָבן די שטאָלענע הויכן אויסגעשטערנט,
האָט סאַל פון פּראָסטע רעדנער געלערנט —
פאַרוואָס אין וואָלסטריט טורעמט זיך די זון אין גאָלדענע שטעט,
און אין „העסטער סטריט" שפּייט זי אויס איר גאַל.

ווען היימלאָזע נעכט האָבן די שטאָלענע הויכן אויסגעשטערנט,
האָט סאַל פון פּראָסטע רעדנער געלערנט —
אַז זיין „מאַזל" און זיין פידל האָט דער סוינע צוגענומען,
אַז אַ ציגל מיט אַ ציגל מויערט זיך אין מאַכט,
אַז אַ טאָג אַזאַ—וועט מיט צאָרן פון יאָרטויזנטן זיך צעברומען.

כאַנעלע

1

דער יונגער זומער האָט זיין שיינקייט אויפגעשריבן
אַף וואַלד, אַף דאָרף און מוסקולדיקער שטאָט —
אַזויפל טעג איז נאָך פאַר אַלעמען געבליבן,
מיט רוים, מיט זון — מיט ווינט.

דעם גאַנצן זומער האָבן גוידערס צוגענומען,
און פאַר כאַנעלען געלאָזן
קאַרגע שטראַלן אַף נאַכטיקע ווענט —
און פאַר כאַנעלען געלאָזן
אַדערדיקע צווייגן אַף די דאַרע הענט.

פאַבריקן האָבן דאָס ליד פון הענט פאַרגעסן,
און לאַנג איז איבער כאַנעלען די נויט
ווי אַ קראָ געזעסן;
אין דאַרן אינגעווייד נעמט דער הונגער דורך ווי אַ מעסער.

ערגעץ שלאָגט די ערד מיט זאַפט פון וואַיניקע טיפן.
פון צופיל זעט פלאַצן סעדער.
מיט בלומען און מיט האָניק שמעקן אַרבעטזאַמע בינען.
דער פולער זומער צעשפּאַרט די שפּייכלערס,
און זוניקע שעפע גאָלדיקט די סטעליעס.

דאָ פינקלט מיט נויט דער יונגער זומער,
מיט זון פון כורוועדיקע שטיבער —
און ווי אַ געלע שנור,
גייט דורך פרילינגדיקע טעג דער הארבסט אַריבער.

עס שרייט די שטאָט מיט אומרו פון לעבעדיקע שטאָלן.
כאַנעלע טונקלט זיך אין איר פאַרלאָשן פרייד,
דעם אָוונט באַהאַלט —
יעדער פאַלד פון איר אָפּגעטראָגן קלייד,
אין מאַירעוו האָט דער זונפאַרגאַנג אירע וואונדן אויסגעמאָלן.

לאַנג אַזוי האָבן טעג מיט הונגערשאַרפן,
געשניטן זיך אין היימלאָזע וואָכן —
און אַז כאַנעלע האָט פאַר וואַנזין
אַן שטיינער אירע נעגל שוין צעבראָכן,
מוז זי אין מאַרק פאַרקויפן —
דאָס ווייסקייט פון איר לייב,
דעם בלאָנדן קאָפּ און די ברוינע אויגן.

2

אָוונט.
און כאַנעלע זעט:
ווי אַ זעלבסטמערדערן די קלוגע זון
גייט אַליין אין קייווער אַראָפּ, —
און זי — אַ העפקערדיקע קאַלע —
גיט אויך דער נאַכט זיך אָפּ.

כאַנעלעס נאַכט — אַ בלינדע אַקאָרע,
כאָלעמט פון שיין און צייטיקע מאַמעס;
פרוכטלאָזע טאַיוועס
פראַוועז דורך איר הינטישע ליאַמעס.

3

אַז כאַנעלע קומט פון באָרדעל,
אָפּגעבליט און מיד ווי פון פאַבריק —
זוכט זי אירע קינדער צווישן שטערן,
און קרימט אין שפּיגל נאָך איר לאַכעדיק געוויין —
גוט איז איר,
ווען ס'איז די דולע נאַכט נאָך יונג,
און זי איז אַליין, אַ—ל—יי—ן.

אַז כאַנעלע קומט פון באָרדעל,
אָפּגעבליט און מיד ווי פון פאַבריק —
שטעלט זי פּאַר איינזאַמקייט אַרוים אַ צונג,
ציילט זי אָף די ווענט יעדן פלעק,
און וועלקט אין שלאָף אַוועק,
ווי אין אַ גלאָז אַ פאַרוויאַנעטע רויז,
און לאַנג צערטלען איר אימיצנס רייד:
„ניט דו —
דער וואָס זויגט אויס גאָלד פון ביין און פון בלוט,
איז דער פּראָסטיטוט.“

די ערשטע ברעקלעך טאָג
מישן זיך מיט הרודעם שטויב.
אַ לאַבן ברויט דערמאָנט אָן כאַנעלען און אָן באָרדעל.
אין אומעטיקן ווינקל אָף אַ באַנק
לויזט די באָבע אָן אַלטן יאַק;
ווי די באָבע, די וועלט איז קראַנק;
דער פאַרטאָג גליט אָף אַ גרויער שויב.

אַ „האָלדראָפּניק אַזאַ“

אין געלע פּאַרקס דער אומרואיקער ווינט
קערט דעם זומער ווי אַ וויאָלע בלאַט.
וואָלקנס ריגען אוים ווי פּעסער טינט.
נודנעביימער ווערן פּלאַפּלענדיק ניט מאַט:
האַרב-האַרב-האַרבסט,
האַרב-האַרב-האַרבסט.

פאַר וועמען דער ווינטער קומט ווי אַ גוטער זיידע
מיט מאַיסעס שנייאיקע,
מיט טיי ציטרינענעס באַם הימלעכן קאַמין,
מיט זאַווערוכעס העלע — אַן אויסגעטרוימטער כאָר;
פאַר וועמען דער ווינטער קומט: אַ מאָנסטער-שפּין,
וואָס האַלט די טעג — אין קאַלטע, קלעפּיקע פּים.

די ביימער ווי די היימלאָזע — אַ רים אַף אַ רים,
מיט גרוסן קאַלטע פון נאָענטן ווינטער.
רעגנס פּליקן די שווערע קליידער,
און שווענקען ווי מיט גליטשיקע הענט דעם פאַרמאָרעטן מענטש —
ער שמעקט מיט נאַסע צעקאָרטשעטע בלעטער.

צעפּלאַצטע וואָלקנס שטורעמען דעם פּאַרק.
מיט ציין און נעגל קלאַמערט דער הונגער —
און אַז ער קען זיין גליק ניט געפינען,
איז מיט פּעסטע טריט, ווי אַ צעצאָרנטער ריז,
לאָזט ער זיך שפּרייזן צום ערשטן רעסטאָראַן —
אַ צעפּאַך מיט די פויסטן:
„העי, דו, העי, ווערימדיקע פּוזשע, אַהער גיב זופּ אַ טעלער“—
ר-ר-ראַך! — פון די ווערטער שנעלער,
געפלויגן איז דער טויט — דורך לעבעדיקן שרויט.

ווען מיט בלוט אַ וואַרעמע לוזשע האָט דער מענטש אָנגערעגנט,
האָט ער אין כאַלעם מיט ווייב און קינדער זיך געזעגנט,
דורך לעצטע געדאַנקען איז ער געגאַנגען ווי דורך אַ צווינטער.
געזען האָט ער:
אַ פראַסטיקע שטוב, וואו ס׳וואַוינט דער ווינטער,
און קינדער בלוילעכע באַ אויסגעמאָלטע שויבן,
בלאָזן אין די הענטעלעך דעם אָטעם דעם כריפּענדיקן.

גויסעסדיקע אָדערלעך אין די שלייפן טיקן,
אַהין, אַהער — אַהער, אַהין:
ראַטעוועט, ראַטע—וועט.
שפּעט. שפּעט. ש—פּ—ע—ט.

אַף בלוט-צעוויקטן פּליוש, אין רייכן רעסטאָראַן,
ליגט ער, דער צעצאָרנטער ריז,
מיט אַ טויטן פויסט ווי אַ צעבראָכענע שפּיז,
און אַ האַנט אַף זיין שטומען האַרץ צעשאָסן.

אין דרויסן האָט דער שטורעם מיט פעך און שוועבל געגאָסן.

זייגערמייסטער

זיי היניען אום לעם פאַבריקנטירן,
מיט שטאַרע פינגער, ווי ווייזערס, אין די הענט —
הוילע הענט קענען, ווי גאָלד, ניט צירן —
איז ווער וועט פאַר זיי געבן אַ קופּערנעם סענט?

דימענט-קראָמען ריידן
מיט פּראַכט פון רעגנבויגנדיקע פענצטער,
די וועגנט רימען זיך מיט בריליאַנטענע אינגעווייידן:
„איר קענט דעם הימל און די זון דאָ קויפן."
נאָר פון אַלע זונען איז דער מייסטער דער שענסטער,
אין די זייגערלעך פינקלען זיינע געהירן.
ער האָט געהיילט און געהיט יעדן גליד.
עס זאָל אַ שטויבעלע ניט שאַטן —
ס'איז יעדעס שטיינדעלע — זיינס אַ צעל,
יעדעס שרייפעלע — זיינס אַ ליד.

די מייסטער שטייען פרעמדע לעם אייגענעם גינגאָלד,
זיי טראָגן דעם דאַלעם פון הינטערהויפן,
אַף רוקנס געבויגענע ווי דוהעס;
זיי דערמאָנען אָן פאַרשטומטע זייגערס,
אָן זשאַווערדיקע צוועגנעלעך און שרויפן.

פּראַכט פון רעגנבויגנדיקע פענצטער:
לעבן פון מעש און גאָלד און פּראָסטן אייזן,
געזאַנג פון שפּינדלען, אַנקערס און פּאָמפּעדיקלען;
פון באַראַבאַנעס און בוידעמרעדער
קוקט אַרויס דער מייסטער פאַרטראַכט ווי אַ זייגער:
די פאַרגרעסער-לופּ — באַט שרייפעלעך אַף ריזנשרויפן;
שאָען דרייען זיך אַף וואַרשטאַטן.
דער מייסטער גיט קויעך די ספּראָנזשינעס.

בלינדע מאַטעריע הויבט אָן צו טאָגן —
און לעבעדיקע רעדעלעך אין געדריי
איילן זיך מיט רעגעס צו אַנטלויפן;
ס'אָרעמען זיך די רעדעלעך דורך לאַנגן גאַנג פון לעבן,
און ציפּערבלעטער איבער זיי — מיט אומרואיקע פינגער ווייזן
דעם וואונדער פון באַשאַף אין די הענט פון מייסטער.

זייגערס פריילעכע גייען
מיט ווינטיקע טריט אַף רייכע ווענט,
און דערציילן פון שווייסיקע פאַבריקן — און ווייען
מיט מידן מאַרך פון דעם מייסטערס הענט.

זייגערס וואָס שרומפן איין אין צעקאָרטשעטן בלעך,
סקריפּען אַלט אין פייכטע קעלערס;
זייערע אינגעווייד זיינען סאַזשעדיק און בלינד,
און ס'פויזעט אום די נויט אַף זייערע ווייזערס;
זייגערס וואָס שרומפן איין אין צעקאָרטשעטן בלעך,
צעבילן זיך באַגינען ווי הייזעריקע הינט,
און רייסן אַוועק פון גוטן שלאָף
די אויגן וואָס זיינען רויט פון הונגער און נאָדלשטעך.

און זייגערס וואָס טיקן אין טויטנהייזער,
ציילן אויס די רעגעס פון דער גרויזאַמער נאַכט,
און ס'העלן אַרויס פון זיי די געשטאַלטן
פון אַלע לעקערטס, סאַקאָס און וואַנזעטיס
מיט געהויבענע קעפּ און ליכטיקע פויסטן;
זייגערס וואָס טיקן אין טויטנהייזער,
טראָגן אין די ציין: די טויטן פון מאַרטירער
און וועלטישן צאָרן — אַף די דינינקע ווייזער.

אָ, אַרבעטלאָזע מייסטערם —
ווען עס שטייגן אין פינקלענדיקע קראָמען
פון אייער פּראַצע — דימענטענע ווענט,
ווען עס פליסן פּאַר צילינדערדיקע הינט
פון אייער בלוט גינגאָלדענע שטראָמען —
זייט איר מיט ראָסט פון אַרבעטלאָזע הענט
געבליבן וואוינען מיטן ווינט,
איז ווער וועט ניט איצט מיט שטורעם פון „אָקטאָבער"—
אַ פליק טאָן די צייט,
אַז וויכערן זאָל די וועלט,
ווי מיט געפּלאַצטע אַנקערם אַן אויפגעדרייטער זייגער?
שווינגט אויף,
שווינגט אויף,
אָ, הענט פון גאָלד און טשוגון:
מיט פויסט און ליד קעגן פיינט —
דאָס בוך פון צייט
מישט אַ נייע בלאַט,
און ווייט ווערט דער היינט,
און נאָענט — יעדע ווייט.

אַ קינד

די מאַמע האָט פּאַר נויט זיך געהאַנגען.
אַף קאַלטן שטריק ווען די נאַכט באַלד טאָגן.
דעם קינד האָט אַ כאַלעם אין שלאָף געפאַנגען,
און איבער יאַמען מילך אים געטראָגן.

דאָס קינד כאַפּט פאַרוואונדערט זיך אויף פון שלאָף —
ניט מיט שרעק, ניט מיט הונגעריק געוויין:
אַף די שויבן בלענדן שנייאיקע שאָף,
די מאַמע, ווי אין שפּיל, וויגט זיך אַזוי שיין.

היי-דאַ און האַי-דאַ, ווי אַף אַ וויגל,
וויגט ער דער מאַמען אַרויף און אַראָפּ —
דער מאַמעס הענט — אַ מאַלאַכס פליגל,
די פּעטליע — אַזאַ שיינער צאָפּ!

אָ, קינד: וועסט אַ העלד דורך שטורעמס וואַקסן,
און הענגען די זון אַף נייע אַקסן.

פון מײן געפֿל

מיין געסל איז אַלט און בלינד.
ווי צווישן פעלזן — ווייסע גראָז,
וואַקסן קופּעס קינדער.
מיט בעטלער און מיט רויבער רוישן בלאַטע ראָגן —
ווייניק פרעגן פאַרוואָס
ס'זיינען דאָ שוואַרץ די ליכטיקסטע פאַרטאָגן.

אין ברודנע כאַלופּעס
בלאַנקט די נויט אַף וואַכע מעסער;
בלודנע ברוּאים פראַוועען כופּעס
אין כורוועס און אין פוילע פעסער.

לאַנגע נעכט גייען אוים —
מיט מאַיסעס פון שטאָט־גאַזלאָנים,
און קאַלט און גרוי קוקט אַרוים
פון יעדער שויב — אַ פאַרלאָשן פּאָנים.

מיין געסל איז אַלט און בלינד,
און טעג קאָרטשען זיך אין שטענדיקן קראַמף,
נאָר ווי אַף אַ פליוט שפּילט דער ווינט,
פון זון — און פון די העלסטע קאַמפן.

פרילינג

פרילינג גייט דורך קעלערס און דורך גרויע הייזער,
דורך האַיפעלעך ערד פון דאַרע וואַזאָנעס;
און וויקלט אויף דאָס האַרץ פון ווערימל און קווייט,
און קושט מיט ווינטעלעך אוים די טוכלע ווענט.

מיט געלקייט פון האַרבסט איז דער פרילינג דאָ געקומען,
אַף פּאַליצעס
גאַלדיקט זיך דער שטויב אין אומעטיק געפעס,
און ס׳בליט דער שימל אוים אין גרינע בלומען.
אַ הונגעריקער מעסלעס איז פון אַ זאַטן יאַר גרעסער.

פאַרביי פענצטער
זינגען וואוילע „כאַיקעס“ מיט שטעטלדיקע צעפּ —
פון שטעטעלעך צערונענע אין אַן אַלטן ביינהאַשמאַשעס,
און מישן פון בידנעם לעבן אויף יעדן בלאַט:
„צי דען בין איך פון אַ שטיין געבאָרן,
צי האָט מיך קיין מאַמע געהאַט?“

אַ געמאָלענער ווינט אַף מיין קאַלענדאַר
צעוואַרפט דעם יאַם אין געזאַנג פון כוואַליעס —
לעם בלויע פייגל און לעם נאָענטן הימל
פלאַצט דער באַגינען ווי אַ קנאָספּ —
דאָ איז דער טאָג פאַרצויגן ווי מיט בעלמעס,
עס שיילן זיך מאַזאַליעס פון אַרבעטלאָזע הענט,
און שטיינער נאָגן מיט הימלאָזן צאַר.

די פויקן-טענצער און די שמאַטע-קלייבער,
באַיטן אַ פרילינגדיקע שאָ אַף אַ האַלבן סענט.
אַף אומרואיקע געלעגערס — שוואַנגערן ווייבער
מיט נייעם מענטש ווי מיט זונאויפגאַנג.

דער פרילינג וואַלגערט זיך אין כורוועס —
שפילן זיך קינדער מיט זון און מיט מיסט,
און העלן אַרוים פון די קויטיקע קליידער,
און רוישן ווי טייכלעך מיט ליכטיקן פלאַפל;
שפילן זיך קינדער אין רויטע פיאָנערן,
אין אַטאַקעס — און אין זיגערישע קריגער,
און גראָבן אָקאָפּעס מיט רידעלעך און לאָמען.
מיידעלעך שטילינקע, ווי טויבן,
האָוועז מיט מי פון פאַרזאָרגטע מאַמעס,
און היילן די פאַרוואונדעטע מיט פאַפירענע באַנדאַזשן —
נאָך אַלע זיגן און נאָך אַלע „שלאַכטן“:
שפילן זיך קינדער אין שמידן און סטאָליאַרעס,
און מאַכן שטיינער פון זאַמד און בלאָטע,
און בויען שטעט אַף פאַרלאָזטע הויפן.

אַפּריל

1

דורך מיינע גלידער העלן מאָרגנפלאַמען,
און ס׳קייקלט זיך אַ זון ווי אַ פייער־ראָד;
ווי זאָל איך אַזויפל גוואורע צאַמען,
אויב ניט ווי פרילינג קרישלען פוילע שטאַמען.
ווי זאָל איך אַזויפל גוואורע צאַמען:
עס טורעמט זיך דער פרילינג איבער שטאָט,
דורך מיינע גלידער העלן מאָרגנפלאַמען,
און ס׳קייקלט זיך אַ זון ווי אַ פייער־ראָד.

2

לאָמיר אַלע אַליין דאָ טאָגן:
דו וואָס זיצסט אין געסעלע מיט דער באָבע־נאַכט,
דו וואָס זעסט דיין קינד נאָך אַ שטראַלעכל זיך יאָגן —
זע אויך דיין האַר — דיין פיינט דאָ ווערגן די פאַרטאָגן.
אָ, לאָמיר אַליין דאָ טאָגן!
ס׳האָט דער האַר—דער פיינט אַ וויאַלן פרילינג אונדז געבראַכט,
אָ, לאָמיר אַליין דאָ טאָגן!
ניט זיץ אין געסעלע מיט דער באָבע־נאַכט!

3

אַנשטאָט אַפּריל איז סעפּטעמבער דאָ געקומען —
שפּראָצט דער פרילינג פון אומרואיקער הויט,
אַנשטאָט אַפּריל איז סעפּטעמבער געקומען.
דער האַר האָט פון דער זון דאָס גאָלד דאָ צוגענומען —
איז דער גוטער פרילינג אין בלוט געקומען,
און נעמט מיט ווינט און פלאַם אַדורך די נויט;
אַנשטאָט אַפּריל איז סעפּטעמבער דאָ געקומען,
שפּראָצט דער פרילינג פון אומרואיקער הויט.

4

אין מיין גרויער שטוב — ערשטער מאַי שוין רוישט:
ווי וואַלד, ווי קוואַל, ווי בערגיקע שטראָמען —
דאָס לייב איז גרינג, דער טראָט ווי אָן בליץ זיך שטויסט,
אין מיין גרויער שטוב — ערשטער מאַי שוין רוישט;
אויב פרילינג איז דאָ אַלט, איז יונג מיין פויסט —
די פיצלעך זון בליען ווי פולווער-זאָמען;
אין מיין גרויער שטוב — ערשטער מאַי שוין רוישט —
ווי וואַלד, ווי קוואַל, ווי בערגיקע שטראָמען.

איך און דו

באַגעגנסט מיך, מײַן מײדל,
ניט װי אַ בלײכן דיכטער
װאָס בענקט אַװעק — נאָך זײַן געליבטער
אין אַ גרױען צימער,
זיך שפּילנדיק מיט דעם אומעט פון אירע טריט;
ניט װי אַ בלײכן דיכטער
װאָס הערט זי סוידען זיך מיט שאָרך פון דינעם פאַרהאַנג,
און טונקלט זיך אַלײן דורך אָװנטדיקע שױבן.

באַגעגנסט מיך,
װען גרינג רױשסטו אַף רױטע סקװערן,
װי אין װינט די שענסטע פאָן —
און באַגעגנסט מיך,
װען מיט לאַטעם און מיט שטערן
איז מײַן געסל אָנגעטאָן.

דער פאַבריקנטאָג צאַנקט אױס װי אַ יאָרצײַטליכט —
איך און דו און אָװנט.
אַ בעטלער-מײדל מיט אַ בעטלענדיקן פידל,
שפּילט איר מאַזל אין הינטערהױף.
די פינגער װײנען דין און אָפּגעריבן,
און ס׳פרעגט יעדע סטרונע
פאַרװאָס דאָס נאָענטע ברױט איז אַזױ װײַט.
איר ליד איז שײן און טרױעריק
װי בלומען אַף פּריצײַטיקע קװאָרים.
זי בליט אַרױס פון אירע װעלקנדיקע גלידער.
אין אַ װינקל
װײַטיקט אַף אַ קאַץ דאָס צעבאַטשטע פעל.
די זון לױכט אַלט און געל,
און ראַיעט זיך אום אין פאַרלעגענע מיסטן.

איך און דו און האַלבע נאַכט,
וויקלען זיך אין אַ קראַנץ.
די שטיבער שווייגן אויס
הונדערט יאָר פאַרשטומטע רייד.
פון פאַרגעסענע טעג קוקט אַרויס
אַ וועלט פון אַ טויטנשייד.
קעגנאיבער אַ מענטש אין עלנטן קעלער,
מיט דורכנדיקע הענט — צוויי שטומע פינפן.
אַ ליכטל זשמורעט ווי אַ פינטלענדיק אויג —
אַ קינד כאַלעמט פון פרינצן און פון נימפן.
דאָס געסל ווערט פון צאַר נאָך שמעלער.
נאָר פון דיר און מיר אַ ליכטיק בלענד —
איז גוט אַזוי דערציילן דיר אַצינד
פון אַ הויז אַזאַ,
וואו זון אַ טראָפן בלוטיקט אָף די ווענט,
און ס׳קען די סטעליע זיך אומאָרמען מיטן דיל.
פון אַ הויז אַזאַ בין איך אַ קינד.
דאָרט ליגט די נויט אין שלאָף פאַרזונקען,
און וועבט לעם העקדעש די „וויסע קלאָלע“:
איבער זקיינים אין קלויז
שטרעקט די לאַנגוויל שפינוועבהענט —
און שרעקט מיט יענערוועלט און קאַבאָלע.

פון אַ הויז אַזאַ בין איך אַ קינד.
איצט — ציען דורך מיר אַלע וויטן
און אין יעדער וויט זע איך דיך,
און רויטאַרמייער אין אַ פליענדיקן פערדגאַלאָפּ,
יעדער מיטן שאָטן — פון דעם סוינעס פריש-צעשאָסן קאָפּ.

יאָסקע

ס׳איז יאָסקע פון קאמף נאָך ווייט,
ווי ווייט ס׳איז פון זון מיין געסל —
פלאַצן וועט די געלאָדענע צייט,
און צעהעלן מיט בראַנד מיין געסל.

און וויכערן וועלן דאָ שטיינער אין געדריי,
פון פלאַמען און פון בראַווע יונגען;
ס׳וועט יאָסקע נאָך זיין צווישן זיי —
איך האָב זיין ליד נאָך ניט געזונגען.

יאָסקע מיט פראַסטן ייכעס פון שולהויף העקדעש,
און אַ קאַטערינקע
וואָס קלאָגט אויס די וועלט פון שלעפּער —
און מאַריאַ,
מיט אַ פּאַפּוגאַי וואָס ווייסט פון אַלעמענס מאַזאָלוים,
פּראַווען היינט די ערשטע נאַכט באַהעפטונג —
אין יאַנטעוודיקער כורווע,
און פאַרשלעפערן אין זעק די פאַרליבטע לייבער.

— — — — — — — — — — — — — — —

ווען איינמאָל אַ פאַרנאַכט —
די שטייג פון פּאַפּוגאַי האָט געשטאַרט אַזוי פוסט,
און ניט מאַריאַן נאָר דעם עלנט האָט זיך יאָסקע דערוואַרט —
האָט ער געוואוסט, ווער ס׳האָט גערויבט זיין פרייד —
אַז דער אַלטער מאַיק, מיט קאַווע און גוטע רייד,
האָט מאַריאַן אין זיין באָרדעל פאַרנאַרט.
ער זעט, עס שמייכלט מאַיק —
מיט קנוילן פּימפּישע יאָרן אין יעדן קנייטש,
און מעסט מיט ברודנע פינגער
די פולע בריסטן פון זיין בלאָנדער מאַריאַ.

אַז נאַכט
קערט פון דער כורווע אויס די פלעקן זון,

בענקט יאָסקע
נאָך דער דאָרפישער מאַריאַ מיט די קאָרענע צעפּ;
און פאַרגייט אין געוויין,
ווי אַ גריל אין די ברעטער פון אַלטע ווענט.

וואוהין זאָל יאָסקע פון זיין צאַר אַנטלויפן,
אויב ניט אין די שיקערע נעכט פון שיינק —
אַז די ליידיקייט פון הויז באַפאַלט אים,
און זעצט זיך לעבעדיק אַף זיין קאָפּ.
דאָ וואַקסן די שאָען ווי מאַריאַ בלאָנד און שטיל.
אַ שאָרך דערמאָנט איר קלאַפּ אין טיר.
מיט איר איינזאַם קלייד סוידעט זיך דער ווינט.

און אַז פאַרשיקערט האָט ער די קאַטערינקע,
גייט ער פאַרלאָזן און געבויגן
און כאָלעמט פון מאַריאַן און זיין וויינענדיקער קאַטערינקע.
גוט איז יאָסקען,
וואָס באַנאַכט וואַרטן פאַרקס,
ווי בלינדע מאַמעס מיט אויסגעשטרעקטע הענט;
גוט איז יאָסקען,
וואָס אין שלאָף קומט מאַריאַ —
און פאַרוויגט אים אין אירע אָרעמס.

אַמאָל —
ווען דער אַלטער מאַיק
איז מיט מאַריאַס לעבן פאַרשוואונדן —
און אַ טויטע איר געלאָזן
אַף די טרעפּ פון זיין באָרדעל,
האָט יאָסקע
ווי אַ טאָרבע וואונדן זיך פאַרקליבן
באַ דער טויטער מאַריאַ,
און קאַדעש געזאָגט פאַר די גרויע טרעפּ,
און געקושט אירע טויטע צעפּ.

סילוויע

1

באַגינען

אין סילוויעס הויף אַף סאַזשעדיקע ווענט,
קלעטערט דער באַגינען מיט טורעמדיקע טריט —
און ווארפט אַף פלאַכטעס שטויב — גאָלדענעם צוויט,
און גליט די נאַכט אוים מיט באַגינענדיקע הענט.

סילוויע איז נאָך אַ קינד.
שוין האָט די זאָרג פאַרווישט
די ליכטיקייט פון אירע צוועלף פרילינגס;
קעגן איר, די נויט פאַרצערנדיק און בלינד.
דורך די פענצטער — אַ פענעצל באַגינען
האָט דעם שטאַרקן כוישעך אין ראָז צערונען,
און שטיקער ציגל פינקלען: גרין און רויט און פורפור.

סילוויע איז נאָך אַ קינד.
אין די אומעטיקע ווינקלען פון הינטערהויף
וואָלט זי אַצינד:
מיט שטיקלעך גלאָז גערטנדלעך גראָבן,
און מיט זאַמד און שטיינדעלעך דעם הונגער פאַרשפילן —
איצט, ווען דער גוטער באַגינען
גיט אויך די בלינדלעכע שויבן אַ האַיפּעלע זון.
נאָר ווי ס'וואָלט די מאַמע איר געבאָרן, די רייכע צו דינען,
מוז זי ניאַנטשען אַ צעפּעסטשעטע הינטל,
און שמייכלען זים —
צו אַ נאָבעלער זקיינע, וואָס איז שוין ניט באַם זינען.

2

סילוויע אין פּאַלאַצן

ווי געשטאָפּטע מומיעס — די שווייצאַרן,
מיט שטאָלץ פון פאַלשע מונדירן —
די שטייפע קעפּ נויגן זיך פאַר הארן,
סילוויען גריסט דער שטויב פון הינטערטירן.

עס הילכט די ראַכוועס אין פּאַלאַצן.
די זקיינע קלינגט מיט בראַסלעטן,
מיט דריבנע טריט אָף שפּיגלדיקע דילן;
די בראַסלעטן לאַכן אַ גינגאָלדענעם געלעכטער,
און ווי אין ווילדע גרונטן
שווימען טויכערס אין יעדן פּערל.
אַרום איר — דער ווינט פון פלינקע דינער.
אַרום איר — דער שטאַרקער שויץ פון מאַרמאָרנע ווענט.

סילוויע אין פּאַלאַץ זעט:
דאָס הינטל אין גאַניידן־שיין,
שפּילט זיך מיט דימענטענע עפּל;
און סילוויע ווי פון כאָלעם רעדט:
— אָ, דאַמע, גוטע דאַמע,
איך וואָלט געוואָלט דאָס הינטל זיין.

פאַרגליווערטע רו האָט זיך געגעבן אַ צעוויקל,
ווי פון פיבער איז די זקיינע אויפגעשפּרונגען:
„ניט איך, מיין הינטעלע האָט דיך געדונגען,
אַרויס, אַרויס, דו פלאָקן!“

סילוויען האָט די גאַס געשראָקן,
אין אירע דינינקע פינגער האָט זיך געוויגט אַ ציטערדיקער ניקל.

טראַם־טראַם טראַמעוועט דער טראַמוואַי:
עס לויפן סילוויען פאַרביי
טויזנט שטעטעלעך אין יעדער גאַס,
טויזנט שטיבעלעך אין יעדן הויז.
דער ווינט דורך שטאָל איז אַ באַס,
די זון, אין געוועט מיט נאַכט, — אַ פייערדיקע טויז.

בעטלענדיקע קינדער

זיי שטרעקן די שמאָלע הענט ווי לײדיקע לעפל —
קינדער
מיט מילכיקער הויט אָף די דינינקע ביינער,
קינדער
מיט שווארצע מאַזאָלוים און ווייסינקע ציינער.

מאָנאָשקעס מיט זנוס באַהאַלטענעם צווישן טיולן,
קניען אונטערטעניק — גאָט זאָל די קינדער בענטשן:
מיט דאָרן ברויט, מיט פארגעלטע טפילעס
און קאַלטע פּענים פון „גוטע מענטשן".

אין די פּראָסטיקע שטיבער
גייט דער ווינט מיט לויזע שויבן אַ בראַזגענדיקן טאַנץ,
און יאָגט
דורך פייכטע שפּאַלטן דעם נאַקעטן דאַלעס.
צעשיטן זיך קינדער אָף הפקרדיקע ראָגן:

יונגען דעמבענע און פּראָסטע
בליען אוים ווי וועלדער אָף דער גאַס;
פויסטן שפּיציקע ווי שטיינער,
אויגן אויפגעגרינט מיט האַס.

וואַקסן צאָרנדיקער — גאַסן,
שאַ נאָך שאַ;
ס'איז בלוט — די פאָן פון אַלע ראַסן,
די שענסטע דאָ.

און קינדער אָף פארלאָזטע שטיינער —
ווי בלומען מיט פארוויאַנעטע ברעגן.
וויפיל וועלן וועלקן ווייסט ניט קיינער.
אָף מאָרגנדיקע וועגן ווייסן אַלע,
וועלן קינדער דערמאָנען בעטלערברויט —
שטעלנדיק טאַליאָנים אין ריי נאָך טויט;
ווייסן אַלע,
ס'וועלן די קינדער בויען פון אַלע לענדער — איין ברודערלאַנד.

זושע אין קוזניע פון אַרבעטער־פּאָעט

כ׳וועל זיך לערנען ווי אַ קאָוואַל לידער שמידן —
אַז שטאַרק זאָל זיין מיין ליד,
ווי שטאַרק עס איז אַ ריר פון אָנגעגליטן אייזן ; —
אַז פּראָסט זאָל זיין מיין ליד,
ווי פּראָסט עס איז דער שוואונג פון פאַרהאָרעוועטע הענט ;
ווי הוילע פונקען וועל איך די ווערטער קלייבן,
און צעגליען זיי — צעיאָגן זיי אין שטורעמס.

1

אַז פון זושען דעם וואוילן סטאָליעריונג
איז געבליבן :
אַ קאָפּ מיט היימלאָזע נעכט אין די געהירן
און הענט אַף מידע פּלייצעס,
ווי צוואַנגען אַף פאַרלאָזטע וואַרשטאַטן, —
האָט ער פון וויסטן לעבן אָפּגעלאָזט די לייצעס,
ליגט ער — אַ ניטדערזעגטע ברעט,
און האַלט די פינגער אין די הענט, ווי פּראָסטיקע טשוועקעס,
און כראָמשקעט לאַנג אַזוי דעם קאַלטן כוישעך מיט די
טאַנצנדיקע ציין.

2

נעם איך דעם עלנט פון צעפראָרענעם זושע
אין אָנגעהייצטער קוזניע פון אַרבעטער־פּאָעט,
שמיד איך פון פראָסט צעצונדענעם האַס:
שמעלצן זיך פערזן אונטער בראַזג פון האַמער,
פינקלען ווערטער אַף בריענדיקער קאָוואַדלע,
איז היים דער שטאָל פון אָנגעגליטע לידער,
בויגן זיך שורעס — אָנגעברענטע שטאַבעס,
און ווערטער שטעלן זיך אין ריי, ווי רויטע פראָנטאָוויקעס;
נעם איך דעם עלנט פון צעפראָרענעם זושע
אין אָנגעהייצטער קוזניע פון אַרבעטער־פּאָעט,
שמיד איך פון פראָסט צעצונדענעם האַס:
איז יעדעס וואָרט מיט שרויט געלאָדן
און יעדער אָס שטייט הויל אין פייער —
זיינען לידער — צאָרנדיקע באָלשעוויקעס,
און שטרענגע ווערטער ווייסן:
אַז מען דאַרף, איז מען שמידן —
און אַז מען דאַרף, איז מען פּיקעס.

3

דאָס ליד פון פריערדיקן מעינקע קאַץ

הינטערן צודעק פון אַן אָוולם שפּיגל
זינגט ער זיין פינצטער געזאַנג:
„פאַרלעש מיך ניט ווי אַ גראָשנדיקן קאַנעץ,
פאַרלעש מיך ווי אַ זונפאַרגאַנג.

„אין שפּינוועבס געפאַנגען — זאָג איך ווידע מיינע לידער.
אינדרויסן גייט די נויט אַף בלויזע שאַרפן,
און גאָט שטאַרבט פון אייביקן עלנט.
דורך וויסטע שטעגן און מיסטיקע געלעגערס,
טראָגן מיין שיינקייט געבויגענע שלעפער — פאַרלאַיזיקטע
ברידער.

„די הויפן וויקלען זיך אין ווייסן גרעט,
ווי אין טאַכריכים.
די אוראַלטע ווענט שטייען ווי געבונדן,
און מיען זיך די ציגל צו צעוואַרפן.
אַ מענטש וויאַנעט באַ אַ ברודנעם פעסל,
און ס׳וואַלגערן זיך שטערן
אין די שפּאַרעס פון אַ וואַנציקער בעט.

„דער האַרבסט רייסט אַף די ביימער קריע.
איך גיי
דעם קרומען גאַנג פון הינטערגעסלעך.
איבער מיר —
רופט אַ נאַכטוואַנדלער די לעוואָנע,
ער קלעטערט אַף בריקן דורך שטאָלענעם וואַנזין —
אין געלע פאַרקס זעט ער:
מיינע מאָרגנס אַף הוילע ביימער — אָפּגעפליקטע בלעטער.

„די „דריי שוועסטער"
פיר איך אין שוואַרצע נאָרעס און פוסטע שטיבער,
פיר איך אין ווילדע זומפּן —
זיי גייען דורך מיר ווי דורך געהיימע גריבער,
זיי גייען דורך מיר ווי דורך אַ טויטנהויז.

„עס זינגט די צווייטע שוועסטער:
אַזוי וועלן יאָרן אייביק דאָס לעבן פירן,
די הימלען וועלן קיינמאָל פון אָרט זיך ניט רירן;
אַזוי וועלן פייגלען אייביק פליען,
און בלומען וועלן וועלקן און נייע וועלן בליען.

„אַזוי וועט די ערד זיך דרייען אַף בלינדע רייפן,
און ווי אַ ראָד פון צייט—דורך קוואָרים און דורך שטערן לויפן;
אַזוי וועלן לייבן אייביק אין די וועלדער ברומען,
און יאַמען וועלן צערינען און נייע וועלן קומען.

„און ס'זינגט די ערשטע שוועסטער —
ס'האָט גאָט פאַר מיר צעצונדן
אַ פאַרליבטן הימל אין אַ וויסטן פעלד,
און איז אַליין פאַרשוואונדן
אַף אַ וויינענדיקן פידל פון דער וועלט.

„גאָט האָט מיך צונויפגעשטעלט
פון ערשטן פאַלנדיקן שניי —
שוועב איך אַ שנייאיקע איבער קלאָרער וועלט.
פון מיין אומבאַרירטן לייב — פאַלט זילבערדיקער שניי.

„ווען דער פרילינג וועט נעמען ניט־הי מיין סאָפּווינטער,
וועל איך אין מיינע סיווע האָר באַהאַלטן
ערשטן פאַלנדיקן שניי —
קיינעם וועט ניט איינפאַלן,
זוכן מיך אין ערשטן שניי.

„און ס'זינגט די דריטע שוועסטער:
דער טאָג ווערט בלינד און איינגעבויגן,

צי זאָל איך אים פירן
פון גאַס צו גאַס
און בעטן נעדאָווועס — בא פרעמדע טירן?

„איך וועל פון אַלץ און זיך פאַרשווינדן.
פאַר דעם בלינדן טאָג, ווי פאַר מיין ליבסטן —
וועל איך זיך ווייזן
אין בלאָנדע צעפּ און שוואַרצע קליידער,
און לאַנג אַזוי זיך סוידען —
מיט זיינע צוגעמאַכטע אויגן.

„פון טרויער און פון צאַר
ווערן מיינע פינגער גרוי,
פון אומעט און פון האַרבסט
ווער איך אינגאַנצן גאָלד.

„אָ, דו מיט כיינען פון אַ לויטערן לומפּ —
ווער האָט מיר באַשערט,
ווי אַ טויטע לעוואָנע שאַרן זיך אין דער נאַכט?
ווער האָט מיר באַשערט,
ווי שטויב אַף אַלטע מויערן גרויען אין דער נאַכט?"

און ס'ענטפערט דער בלאָנדזשענדיקער פּאָעט:
„ס'האָט אונדזער פיינט אַזוי באַשערט,
אונדזער פיינט — אַן אָדלער מיט קראַנקע פליגל
שאַרט זיך אַף מיין דיל,
פון זיין יעדן ריר וועב איך אים אַ שטריק.
איך — מיט בליץ און מיט שטורעם
באַגלייט אים טריט נאָך טריט,
און לאַך אין זיין אָדלער-בליק.

„אין ווינקל פאַר מיין טישל —
קניט דער קראַנקער אָדלער;
און מיין טישל — אַ קעניג אַף קוליעס,
קערט זיין הילצערנעם רוקן צו די פענצטער."

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

אַ, נעכטיקער מעינקע קאַץ, —
אויב פון אומעט ביסטו געשטאָרבן,
פאַס איך דיך איין אין אַ טויטנראַס,
און לאַיטער זיך
אין פייערן פון מיין אויפגעוואַכטן שטאַם.

4

הינטער מיר זע איך: אין מויזנלאָך דער פּאַכדן
הילט אין שפינוועבס איין „דריי" בלאָנדע „שוועסטער",
און שניצט פון ווערטער לעוואָנעדיקע סערפּן —
ווען זושע דער וואוילער סטאָליעריונג
קריצט יעדן גליד אַף שטיין פון גאַסן;
הינטער מיר זע איך: אין מויזנלאָך דער פּאַכדן
נאַרט מיין הונגעריקן ברודער —
מיט פאַלשע נים פון שטערנדיקע סעדער.

איך האָב אַליין זיך אין כורוועס געפאַנגען,
איך האָב געכאַוועט טרויער אין אויסגעקלערטע וויגן —
און באַווינט אַף סאַמפּאַפּיר
דאָס דולע זשומען פון קלעפּיקע פליגן.

איצט,
אַז האַפעדדיק און העל בין איך מיט אומרו פון שלאַכטן,
שוואַרצן זיך הינטער מיר
די איינזאַמע וועגט, די שאָטנדיקע בלומען,
און דאָס פוילע בלוט פון געצערטלטער פיין;
דורך דעם כוישעך וועלן מיר שפּאַנען,
מיט שטורעם אין די טריט און סרייפעס אין די הענט.
דאָס שענסטע ליד וועלן מיר שרייבן
מיט פייער אַף טליעס און אַף טורמעווענט.

מײדל

1

אין דערוואַרטונג

די טרעפּ דרייען זיך אין אַ קאַראַהאָד,
אין אַ כאָר הוסטן די קראַנען;
אָף די שויבן ווירבלט אַ שנייאיקע ראָד,
איבער דעכער פליט אַ טאַנץ פון באַנען.

דו גייסט דורך אַלטע געסעלעך אַהער,
מיט אַ זויבער האַרץ און אַ זויבער קלייד.
דו רוישסט מיט ליד פון צאַרנדיקן סקווער,
מיט בלענד פון צעצונדענע רייד.

שניי איבער דיר וואַרפט ווייסינקן צווייט —
דער שניי גייט אָף שטשיפּצעם קוים צו שפּירן,
און גיט אומבאַרירט זיך אָפּ דיינע טריט,
דיין ליכטיקייט וועט דאָ דער כורווע צירן.

יעדער שנייעלע גייט אויף — אַ ווייסע רויז,
און ס׳בליט מיט פרילינג דאָס ווינטערדיק הויז.

2

אין הויז

אין הויז דער מעסערדיקער פראָסט,
בויט זיך, אַף די שויבן, פון אייז אַ טראָן.
די נויט איז דאָ שווער מיט דוירעם ראָסט,
די נויט איבער וועלט — אַ וואָרנדיקע פאָן.

די שטילקייט הערט שטורעמס קומען —
דאָס האַרץ איילט צום יאָנטעוודיקסטן מאַי,
אונטערן הויט גרייטע שלאַכטן שטומען,
און ס׳בליצט דער זיג אַף פליגלען פון בליי.

און אויב באַריקאַדן וועלן אונדז שיידן,
און מיט בלוט אונדזער שיידוועג פאַרבן —
איז אַזויפל שיינקייט דאָ אין שטאַרבן,
אַזויפל שיינקייט איז געננג פאַר ביידן.

אונדזער לעבן האָט די אייביקייט געפונען.
אונדזער טויט וועט צינדן נייע זונען.

3

די און נויט

די נויט אין פראָסט ווי א וואונד ברענט,
א ליכטל וויגט די קאַלטע שאָטנס איין —
דורך שווערער נאַכט, דורך פאַררויכערטע ווענט
ביסטו, מיין מיידל, די ליכטיקסטע שיין.

די נויט ווי א שלאַנג איבער אונדז איז וואַך.
ווי אַף בלויזע שווערדן טאַנצט דער ווינט —
דורך שטיקער סטעליע פון אַלטן דאַך
דער שניי אין ריטשקעלעך צערינט.

דיין אָטעם איז היים, דיין טאַליע איז שלאַנק,
קעגן אונדז דער פראָסט מאַלט העלע ווענגן.
די פלינקע רעגעס אין א געזאַנג
טראָגן דעם מאָרגן אונדז אַנטקעגן.

היינט שמעקסטו מיט פראָסט און מיט קאַרשן;
מאָרגן שפּאַנען מיר אין צאַרנדיקע מאַרשן.

4

מארשן

דער היינט פאַטשט דול מיט קראַנקע פליגל —
דער נעכטן שטעלט אין ריי אוים דאָר נאָך דאָר
און הער, אין דעם ברויז פאַלט יעדער דאָר,
ווי פון אַ ברענענדיקן ביניען ציגל.

אין ברום פון טריט — אַ מאַרש פון טעג
אין ענגע געסעלעך דערוואָרגן;
אין ברום פון טריט — פון ווינטן אַ געיעג,
אַ ווייטסטער מאַרש צום נאָענטן מאָרגן.

אַזויפל בראַנד איז אין אונדז פאַראַנען,
פון פלאַמען קאָוועןן מיר די העלסטע ווענט —
טעג ווארטן מיט גוואורע פון וואולקאַנען.

ניט באַ דעם מילכיקן שיין פון שטערן —
נאָר דורך בלוט, דורך צערטל פון פייער-הענט,
וועלן מיר אין ליבע זיך דערקלערן.

סאָפּוזמער

יאַגדע־קלייבער

סאָפּזומער ווייל דעם סוינע האַרבסט זיך ניט אָפּגעבן,
און האַלט נאָך הויך ווי אַ פאָן די שטאַרקע זון.
טעג גייען דורך וויקל פון בלעטער.
הינדעלעך בייגעבאָרענע זינגען פון טויזנט רעגעס לעבן,
און שפּרינגען הוילינקע אונטער דער מאַמע־הון :
גוט איז דערוויייל אַ פעדער לאַיען.
קאַטשקעס קאַטשען זיך און שרייען :
קאַטש, קאַטש, ק—אַ—ט—ש,
נאָך אַ שאַ און נאָך אַ שאַ —
דער האַרבסט איז שוין דאָ :
קאַטש, קאַטש, ק—אַ—ט—ש.

האַרבסטיקע וועלדער גייען אָפּ מיט בראָנזענעם בלוט.
יאַגדעס בליען אַלט — די געלע בלומען בליען אינגער.
יעדע בלום — אַ נעסט פאַר גרויסע, געלע שמעטערלינגען.
די יאַגדעס ווי פאַרליבטע זיינען נאָכגיביק און גוט.

די בייזע שטעכלקעס רייסן שטיקער פינגער —
און ס׳מישט זיך בלוט פון הענט מיט בלוט פון יאַגדעס.
די מיידל־פינגער זיינען פון רעגעס פלינקער :
צופּ און צופּ,
צופּ־צופּ־צופּ —
און עס שיט זיך פון יאַגדעס אַ ווייניקער רעגן.

אָף די שאַרסטקע לייבער
האָט די שיינקייט פון פעלד אויסגעבליט,
און עס שמעקט מיט יאַגדע־קוסטעס
פון די ווינטיקע פענימער — פון די אויסגעבלייזטע לענדן.

זון און ווינט און כיינעוודיקע יאַגדע־קלייבער,

דעם מידן טאָג האָבן זיי געביטן
אַף זיסע יאַגדעס — אין געפלאָכטענע קערבלעך,
פון זייער מי איז זיי געבליבן: בלוטיקע צוויטן
אַף צעשטאָכענע גלידער, און ברויט — דאַרע פענעצלעך.

באַנאַכט, נאָך דער בידנער וועטשערע —
וואַרפן זיי זיך אַף האַרטע סעניקעס;
אין כאָלעם עפענען זיך יאַגדעס ווי וואונדן.
גוט איז דער נאָך־טאַם פון געראָטענעם באָרשטש,
נאָך בעסער — פון רו די לעצטע שטונדן.

אין פעלד שלאָגט מיט צייטיקייט—מיט שאָרכנדיקער קראַפט.
אַזויפל יאַגדעס אַף יעדן דינינקן צווייגל.
יעדע יאַגדע — מיט זון אַ פולע קוקלע,
שפריצט מיט שוואַרצע רעסעלעך.
ווי ס'וואָלט דער ווינט אויך יאַגדעס געקליבן,
רייסט ער גאַנצע הויפנס מיט ווינטיקע פינגער —
און ס'איז די ערד מיט זאַפט געשמאַק און קרוכלע.

פון שניט

בּיראָ-בּידזשאַן געווידמעט

נייע אידן פראַלן אויף די רוימען
מיט יונגן געלעכטער און בלאַנקענדיקע סערפּן.
די לייוונטענע קליידער וויסלען זיך אין פעלד.
לויטערע פון שניט
גייען זיי
מיט דעם זומער אין די גלידער,
ווייען זיי
מיט ווינט פון סטעפּעס.
די וואָס קלינגען נאָך מיט קאָסעס,
זינגען פון טראַקטאָרס.
שטערן קייקלען זיך ווי פינקלענדיקע רייפן.
די שטיבער נענטערן זיך און לויפן זיי אַנטקעגן:
מיט רו און זעטיקייט,
מיט רייכעס פון פריש-געשניטן היי.
סאַמאָוואַרן זשומען מיט היימלעכקייט פון אָוונטדיקן טיי.
ציטרינען שלעפערן דעם פּאָרצעליי.
אַף ביימער שפּאַלטן זיך פון צייטיקייט די באַרן —
אָנגעגליטער שטויב מיט אומרו פון פּאַר אַ רעגן
פאַלט פאַרכאַלעשט אַף דעם געביין פון טויטע האַרן.

סאָוועטישע ציגיינער

און זיי וואָס זיינען ווילדע וואָגלער אַמאָל געווען:
די וואָס פירן די וועלט אין בוידן,
דורך שטעטעלעך און איימעדיקע וועלדער;
די וואָס גאַנווענען פערד און קינדער
און באַהאַלטן זיך אין עלנט פון פּראַסטיקע סטעפּעס.

און זיי וואָס זיינען ווילדע וואָגלער אַמאָל געווען,
מיט בייטשן פון קאָזאַקן אויסגעקריצט אַף לייבער, —
זייער טרויער פינקלען נאָך אויס די שטערן.
ניט איינמאָל האָבן גרויזאַמע נעכט זיי געזען,
פאַר גאַליקן פיין וואָיען מיטן ווינט;
ניט איינמאָל האָבן גרויזאַמע נעכט זיי געזען,
זיך ראַנגלען מיט שטורעמס און מיט בערן.

איצט בינדן זיי פעלדער אין גאָלדיקע גאַרבן
און לאַכן אין זאַטער היים נאָך פריידיקער מי,
און עסן געשמאַקן ברויט פון געשמאַקער פּראַצע;
איצט קרישלען זיי דעם אָוער מיט זעג און האַמער
ווי קירגיזן, אידן און גרוזינער,
און ס'גייען שטעט דורך וועלדער און דורך וויסט.
וואו ס'האָט געיאָמערט דער שאַקאַל,
מאָלן רעדער פון מילן און פון באַנען.
וועלדער זעצן זיך אין בליץ פון העק,
און עס שרייט דער דונערדיקער הילך:
העי, ציגיינער, דיין נייער ערד מיין לעצטן גרוס!

אַרבעט

בײאַכן — מײן אינגעלע

הער װי ס'רײדן זעגן,
דער בויער פאַרשטײט זײער שפּראַך.
מענטשן מאַכן אין די הויכן װעגן —
דלאָטן שרײען, קראַך און ר—ראַך!

מענטשן קלאַפּן
פון אײזן — לעבעדיקע הענט.
שטאָלן כאַפּן
מיט די צײן — גאַנצע װענט.

פונקען טאַנצן —
האַמערס פּאַטשן װי מיט הענט,
אײזנס מיט הױלן לײב אין פײער
װערן ניט פאַרברענט.

כאַפּ און קלאַפּ מאַכט דער שמיד
און װערגט דעם שטאָל מיט הײסן צװאַנג;
אַז שטומער שטאָל שמעלצט זיך אין געזאַנג —
נעם איך זײן גלוט — אין מײן ליד.

איז מײן ליד — אַ שמיד,
און ס'איז מײן ליד אַ האַמער:
שלאָג איך פון װערטער — גאָלע פײער,
צינד איך אַלע שלעסער —
ס'זאָל אָפן זײן פאַר אַלעמען דער פולער שײער.

אַ בריוול צו מיין טאַטן

אַז איך שטעל זיך פאַרן שפּיגל,
זע איך אין טיפן — דיינע אומרואיקע אויגן,
און ווי איבער היילן — דיינע שווערע ברעמען;
און איך זע די פרומע האַנט,
וואָס האָט אין שפּאַן דיך געבויגן,
די האַנט וואָס האָט זיך אַליין באַשערט: צו נעמען
דאָס גאָלד פון די טעג, דאָס זילבער פון די נעכט,
דאָס גרין פון די פרילינגס אויסצווייגן,
און נאָר דאָס בלינדקייט — פאַר די קנעכט.
און איך זע די פרומע האַנט,
וואָס האָט אויסגעקאַרבט דיין יונג-פאַרזאָרגט פּנים,
וואָס פאַרלעשט אַ הונגעריקן קינד אין וויגל,
די האַנט וואָס פירט דעם העלד צום עשאַפאָט.

און האַלט האָב איך דיך, טאַטע הויט-בייניקער,
ווען איך שליידער מיין האַס קעגן די וואָס האָבן דיך געלערנט,
מיט דיין זון דעם אַפּיקוירעס זיך צו שעמען —
קעגן די וואָס האָבן פרי אַזוי
דיין סיוון קאָפּ באַלויכטן מיט שנייאיקן ליכט;
און מיר דאַכט אַמאָל אין טעג פון בלי און בלוי,
אַז איבער דיר איז אַ ווינטערנאַכט אַ וויסטע אויסגעשטערנט.

ווען היינט שוועבסטו אין הימלען אָף באַפליגלטן פיין
פון פאַסטן,
ציילט דער ראָוו די זינד
אין דיינע פאַרהאַרעוועטע גראָשנס,
און זעט די אָוועס — אין אויסיעס פאַרגעלטע פון
אַ מאַכזער שימלען,
ניט אין וועלטן מיט מאַלאָכים און מיט שטערן.
ווען היינט וויקסטו דעם סאַנעטייקעף אין טרערן,
ניט בעט פאַר מיר — דיין זון, דיין פאַרהאַסטן,
וואָס האָט גאָט ווי אַ ליכטל אַ שאַבעסדיקס פאַרלאָשן.

אין אַ פאַבריק פון יאָרצייט־קליידער

מיין מאַמען — באַדאַנע

פלינקע מיידלעך רוישן
מיט פינגער, נאָדלען און שוואַרצן זייד —
וואַקסן לאַנגע יאָרצייט־קליידער
און פאַסן נעט פאַר טרויערנדיקע מאַמעס,
וואָס האָבן זין געהאָדעוועט פאַר שלאַכטפעלדער —
וואַקסן שוואַרצע, אויסגעניייטע בלומען
און צעעפענען די כושים מיט דעם גערוך פון מאַרד.

דורך לאַנגע אַרבעט־שאָען — ראַיפט דאָס ביטער ברויט,
און ס׳קומען צדאָקע־דאַמען,
מיט טריט וואָס שאָרכן ווי דאָלאַרן,
און פאַרנאַרן אין יאָרצייט־קליידער.
קעגן יעדן גווידער די בייזע מאַשינען צאָרענען.
אין בראַווע בילדער דורך רויט וויים און בלוי
מאַרשירן זעלנער אַף די פאַבריקנווענט,
און פאַכן מיט די פאַרמישפעטע הענט.

מיין מאַמע באַם יאָרצייט־קלייד קלערט:
אַז מיט געוויין פלאַצט מיסטאָם דאָס שרויט,
ווי ס׳וואָלט איר בראָך פאַרשטאַנען.
זי הערט —
דורך איר זון קלאָגט דאָס שרויט:
איך וויל ניט לעכערן דיין הויט!

מיין מאַמע אין יאָרצייט-קלייד זעט:
איר זון אַזוי איימעדיק ברענט —
ער ווייזט די אָפּגעהאַקטע הענט,
מיט פינגער ווי ראַקעס אַף פייער-פאַנען,
און סוידעסדיק צו איר עפּעס רעדט;
פון זיין קאָפּ אַ רויטע ריטשקעלע גייט,
דורך די האָר דער ווינט שעפּטשעט: שלאָף איין, שלאָף איין,
און פאַרוויגט זיין לעצטן וויי באַם שטערנשיין,
און פאַרטראָגט זיין אַש — אַף יעדן צווייט פון אַ בלומענבייט.

פאַרנאַכט.
אין פאַבריק די מיידלעך
טראָגן דעם אומעט פון די יאָרצייט-קליידער.
די אַלטע מאַמעס ווי איבער קוואָרים געבויגן.
און די דאַמען,
הייליקע קלויסטער-דאַמען,
פרומע סינאַגאָגע-דאַמען,
מיט ווערטער ווי פאַר מאַציירועס,
קושן פרעמדע זין — אין שוואַרצע ראַמען.

דער אָונט ווייזט דאָס גאָלד פון קעפּ אויסגעזויגן.

האַרבסטיקע קליידער

1

נאָדל גיי, נאָדל יאָג, אָ, נאָדל פלי, —
עס מאָנט באַשאַף דאָס ניט־געבאָרן קלייד,
אין שלאָג פון אָדערן די העלע מי,
ווי אַ זון איבער ניט־געבאָרן קלייד.

און נאָדל גייט, נאָדל יאָגט, נאָדל פליט —
זייד שאָרכט ווי אַף טאַנצנדיקע פּרויען,
האַלבע רעגעס כאַפּן גאַנצע רעגעס —
קליידער וואַקסן דורך שווייסיקע טויען.

ס'איז פּאַדים — ווינט, פּאַדים זינגט, פּאַדים טאָגט.
עס רוישט דאָס לעבן אין דינסטע זוימען;
דורך לייב פון זייד די פלינקע נאָדל יאָגט,
קליידער בלענדן ווי האַרבסטיקע טרוימען.

אין פולן פּראַכט איילט ערגעץ קלייד נאָך קלייד,
צו ברענגען אימיצן גערויבטע פרייד.

2

האַרבסט אין שאָפּ

די שטילקייט גרוילט אין שטאָלענעם פאַרטאָג,
ס'וועט באַלד דער שאָפּ צערעווען זיך נאָך רויב —
דער שאָפּ איז אַלט מיט רויך און בלוט און שטויב,
מיט פאַרגרויטע פלעקן פון ווייסער פלאָג.

דאָס פאַרוועלקטע מיידל באַם נייִמאַשין
האָט דאָ מיט שערן איר זון פאַרשניטן —
ווי סאָפּהאַרבסט בליִען אומעטיק און שטאַר
אַף איר קינדיש פּאָנים וויאַלע בליטן.

זי האָרכט צום שפּינוועבס ווי פליגן זשומען:
וועסט דיינע פרילינגס שוין ניט געפינען;
זוכן קענסטו זיי ניט צווישן בלומען,
נאָר אין ווינקלען סטעליע צווישן שפּינען.

דער טאָג שטאַרבט — אין איר מידן בלוט,
איבער איר די זון — אַ גאָלדענע רוט.

3

האַרבסט אין רייכע אַלייען

די זון וואַרעמט זיך באַ אַ פּייערטאָפּ,
און טריפט איר בלוט אוים טרויעריק און שיין;
די בלומען גיבן זייער שיינקייט אָפּ;
דער ווינט פאַרטרויט די בייטן זיין געוויין.

ציטערט דער וואָל אַף האַרבסטיקע קליידער,
ווי אַף לעמער אין באָינעם געבונדן.
די איידעלע נעט צערטלען די טאַליעם:
די טריט פון נאָדלען לויכטן ווי וואונדן.

דער האַרבסט דערמאָנט אָן פאַרוועלקטע מיידלעך,
אָן מידן כיין און צעקנייטשטע וואָכן,
אָן שווערע רוקנס, אָן שאָרסטקע פינגער
פון נאָדל-שפּיצן אָנגעשטאָכן.

אַף קליידער נאָגט דער אויסגענייטער אומעט —
אין גוידערם דרעמלט דער אינדיאַנער זומער.

4

האַרבסט אין פּאַלאַצן

שטורעמס שפּילן דעם האַרבסט אַ טויטגעזאַנג.
וועלדער טאַנצן מיטן ווינט אַ קאַראַהאָד,
נאָר דאָ גייען טעג אַ פּורפּורנעם גאַנג,
און פאַרבן ראָז דאָס קלויסטערל אין סאָד.

ס'איז די פרייד דאָ קיינמאָל ניט פאַרגאַנגען.
דער ווײַן מאַניעט אַף גאָלדענע טאַצן;
אין סאָד זינגט מאַריאַ, קנאָספּן פּלאַצן —
גאָט קאָסעט די זינדיקע ווי זאַנגען.

דער האַרבסט וויגט ליו־ליו די אײַלבערט־גערטנער.
פּאַלמען־הענט בענטשן די פרומע דאַמען.
דער אָוונט זינקט אין די האַרבסטיקע קליידער.
די זון צעלייגט וואַרנדיקע פלאַמען!

אין ווײַט: קרייציגט יעזוס טויזנט דוירעס —
שוואַרצע צלאָמים סוידען זיך מיט טוירעס.

פֿראַקאַטן

צו אַ סאָוועטיש קינד

אָ, קינד, כ׳וועל דעם קייסערס לאַנד דיר ווייזן —
מיט קייטן און פאַרבלוטיקטע גראַטעס,
מיט וועלדער וואָס האָדעווען טליעס,
טויטנקאַסטנס און שיווע-כאַטעס.

אַף רוקנס געשלעפּט די באַגינענס
דורך יאָך און בייטשן-קנאַל — דריי הונדערט יאָר;
די זון האָט געגרוילט ווי איבער בלינדע,
פּעטליעס האָבן געקייטלט דאָר צו דאָר.

וואו די הענקער זיינען, פרעג די גראָזן
אַף פאַרוואָקסענע ראַצנקוואָרים;
דורך שטעט-געבורט, דורך ברויז פון קאָלכאָזן,
זשיפּעט וואו אַ ניטדערקוועטשטער וואָרים.

רוסלאַנדס קרוינען כאָלעמען אין מוזיי.
לענדער וויכערן אין פייער-געדריי.

אויגוסט 22, 1927

טאָג פון אויגוסט 22, 1927 —
שוואַרצע ראַם — אַף רויטע, שטורעמדיקע סקווערן;
זון און טויט און הילכנדיקע מאַרשן,
גייען אויף אין אַ געזאַנג פון טריט.

טאָג פון אויגוסט 22, 1927.
ס'רייסט זיך ערד פון גאַס און געסל:
ניט מיט מענטש — נאָר מיט קויעך,
ניט מיט טאָג — נאָר מיט סרייפע,
ניט מיט נויט — נאָר מיט אויפשטאַנד.

ס'איז מאַסע — האַס און פויסט,
ס'איז מאַסע — קראַך פון דינאַמיט;
עס שמעקט מיט פולווער און מיט לעצטע שאָען
פון סאַקאָ און וואַנזעטי.

שטעט און לענדער
אָטעמען מיט קלאַפעניש פון זייגערס,
זייגערס טיקן אוים — שרעק פון אָפּגעברענטע קעפּ
וואָס רויכערן זיך
און טשאַדען האַלבענאַכט
מיט שיגאָען — און מאַרך געפּאַלמעסטן
פון סאַקאָ און וואַנזעטי.

אָט באַלד:
און צאָרן וועט קראַכן,
וועט זיך וואַרפן אַף די טויערן פון טורמע,
וועט פאַרברענען — הענקער, גאָווערנאָר און ריכטער,
וועט זיך טראָגן מיט סאַקאָ און וואַנזעטי
פאָרוים, פּ—אָ—ר—ו—י—ם!

מינוטן זיינען: שאַרף פון נאָדלדיקער הויט,
מינוטן זיינען קראַנק מיט שטאַרבנדיקן טאָג,
פאַרטשעפּען זיך איינע אָן די אַנדערע,
שניידן זיך מעסערדיק אַריין אין נאַכט —
איז נאַכט — אַן ענדלאָזער קאָשמאַר
וואָס לאַכט מיט שוואַרצן, גרוילנדיקן בלוט.

טעלעגראַף-סלופּן
יאָגן סאַקאָ און וואַנזעטים טויט אַף זשומענדיקע דראָטן.
אין יעדנס אויגן: סאַקאָ און וואַנזעטי
מיט קעפּ געהויבענע,
מיט בליקן געווענדטע — אין ווייטער, באַפרייטער ווייט.

עס רעוועץ סקווערן מיט אָטאָם און מיט מענטשן.
מענטשן פאַרהילכן אָטאָם — פאַרטויבן שטאָט:
מיט זייער בלוט — מיט זון, דורך נאַכט;
מיט זייער טויט צו לעצטער שלאַכט!

דער פרעמדער האַר

1

פון אונדזער לאַנד דער פרעמדער האַר
שוועבט ווי אַ טויכער — אין טיפן פון אונדזער בלוט אַרונטער:
נאָך לעבן, נאָך דימענטן און לידער
און לאָזט אונדז פון דער ערד נאָר קוואָרים,
ווי ס'וואָלט דער טויט אַליין אים אויסדערווילט.

די ראַיפע ערד
קאָוועט איין איר גאַנצן גרויס—אין ביין און אָדערן פון הענט:
שמעקן צעאַקערטע פעלדער מיט ראָזעוון ברויט,
וואוינט די זון אין גאָלדענע מאַראַנצן.

גאָלד און פּלאַטינום און פּערל —
בלענדן מיט אונטערערדישע זונען,
אַף בוזימער פון באַרמהאַרציקע דאַמען,
און גרויסן זיך מיט ייכעס פון פאַרגאַזטע מאַינערס,
מיט געפּאַרן פון פאַרצוקנדיקע יאַמען.

אין אונדזערע שטיבער צוויטשעט אַ הונגער־געוויין,
דער פרעמדער האַר מיט געגאַזלטע זומערס
באַפּעלט אונדזער טאָג מיט אַ שילד אויפגיין:
ל—ע—ב—ן פ—אַ—ר—ב—אָ—ט—ן!

2

קעלערס, מינעז און פאַבריקן
פאַרצויגן ווי מיט טויטנקרעפּ —
אַ פאַלשער הימל
נאַרט מיט בלאַנקן שײַן פון „אויסגעשטערנטע“ פאָנען.

מיר פון קעלערס, מינעז און פאַבריקן,
רײַסן די אַלטע וועלט ווי אַ טליע אויס
און זאָגן אָן:
פון אונדזער לאַנד דער פרעמדער האַר
וועט אַליין נאָך הענגען אָף זײַן פאָן.

און שפּרייט נאָך ווער
ווי אַן אוראַלטער בער — ווינטערשלאָף,
וועקט אים אויף פון קרעמל-דעכער דער רויטער בלענד.

וואַכט אויף, וואַכט אויף, אָ, וואַכנדיקע הענט, —
ס'העלט די ערד דורך טאָגנדיקע דוירעס
און קרײַזט זיך אין אַן אייביק-פרילינגדיקן טאַנץ:
קעגן מיליאַרדן וועגן, מענטשן און פּלאַנעטן.

אַ רוף פאַר נייע קלוב־מיטגלידער

ציפּקעס, יאַנקלס, עסטערקעס און בענים —
מיט שענסטן שטאַם פון שוסטער און מוליאַרעס:
לאָזט דעם אומעט
פאַר בענטשליכט־שאַטנס און טכינעדיקע באָבעס.

עס רוישט דער קלוב מיט יאַנטעווודיקער אומרו,
מיט שטאַרקע יונגען און פרילינגדיקע מיידלעך —
און גוט איז דאָ צווישן כעוורע שניידער און סטאָליאַרעס,
יעדע מיידל—אַ צעבליטע סאָסנע, יעדער יונג—אַ וואוילער יאַט.

פאַרביי פענצטער וויאַנען פעדלענדיקע געסלעך.
דער פרילינג פוילט אין צוגעלעגענע קאַרשן,
אין וועגעלעך מאַראַנצן, אין צעראַיעטע פעסלעך —
נאָר ווי וואַסערפאַלן הילכן מיר אין בראַנדיקע מאַרשן.

פאַר אונדז:
איז יעדער טאָג — אַ שווערד פון שייד;
אין אונדזער קלוב
וואַרפט דעם טרויער — די גוואורעדיקע פרייד.

קובאַ

אַז ס'האָט די נויט געוויכערט — איר כוישעך אין די שטיבער
און איר ביטערקייט צעזייט אַף די צוקערפעלדער פון
מאַטשאַדאָס קובאַ,
אַז ס'זיינען וואונדן אָפענע ווי אַ טייך אַ בלוטיקער די
ברעגן אַריבער —
האָט ווייט צו ווייט געדופן ווי דורך אַ קאַנאָנען-טרובע:
העי, איר הונגעריקע האַלעדראַנצעס, פון קעלערס אַף
באַריקאַדן קומט!
פאַר יעדן טויט, פאַר יעדער וואונד זאָל אַ טאַליען ברענען
היינט אין שלאַכט;
ס'האָט פון פיין דער צאָרנדיקער קויעך איבער קובאַ זיך
צעברומט
און פאַרווישט מאַטשאַדאָס טליעדיקע מאַכט.

ווען פאַרשלונגען האָט געדעוו פון קוילן
די מערדער פון „דזשוליאָ מעלאַ", פון קינדער און פון
בראַווע טאַטעס,
זיינען יעסויסימלעך געקומען ווי צו מוזיק די שאָסן הערן,
און געפלאַטערט מיט הענטעלעך פון קינדערישע שמאַטעס.

ניט איין האַנט וועט נאָך דעם שטורעם פרואוון צאַמען;
ניט איין מאַטשאַדאָ וועט נאָך פאַלן —
פולווערדיקע טעג, גאַנצע ווענט —
צינדן דורך לאַנגער נאַכט ערשטע שטראַלן.

באַם ראַנד

מיר האָבן דוירעם אַזוינע פאַרמישפּעט —
גייען זיי דורך גליטשיקע גרונטן,
און פאַלן מיט טליעם און מיט קרוינען
אין פייערן פון בונטן.

דעם אָוועד ווי דורך אַן אָונטשפּיגל —
פאַרשאַרט
אַ מאַזאָליעטע האַנט — אַ לעבעדיק רידל.

אַ פולע ערד מיט ברוינעם קאָרן
וואַקסט
דורך קראַמף פון צעוואונדעטע יאָרן.

ערשטער אויגוסט

דורך געסעלעך, דורך ליכטיקע בולווארן,
איז היינט די זון — אַ פייער־פויסט;
יעדערער — אַן אַנזאָגער פון קריג־געפאַרן,
יעדערער — אין מאַרש מיליאָניקן פון ערשטן אויגוסט.

נאָך טשאַדען ערגעץ טויטנפעלדער
מיט קופּעס פאַרוואַלגערטע יונגען:
די פּעטע ערד צעבליט האָט זיי אין קוסטעס,
זייער טרויער האָט נאָך דער ווינט ניט אויסגעזונגען.

נאָך פאַרגייט די זון מיט בלוט פון ניינצן־פערצן.
דער מאַראָדער — דער מייסים־רויבער
זוכט נאָך דעם רויב
פון הורבעס רויכערדיקע לייבער.

העי, טאַליען, דו וואָס כאַלעמסט פון פאַרצוקטע סאָוועטן,
ס׳איז היינט דער טאָג אַ גליענדיקער דאָרן;
ס׳הילכן טריט מיט ברויז פון סאָצגעוועטן —
שטאָלענער זומער גרינט היינט מיט צאָרן.

די וואָס טראָגן אונדז דעם טויט אָף סאַמיקע צינגער,
און גאַרן
צו באַיטן מאַרך צעשאָסענעם אָף גאָלד,
וועלן אין פייער געלאָדענעם — זיך אַליין פאַרשאַרן.

נאָך וועט רופן אונדז דער לעצטער קריג,
נאָך וועלן גרויזאַם־רויט זיך זעצן טויטלעכע פאַרנאַכטן:
קעגן אונדז דער העלסטער זיג,
מיט יונגער זון — וועט אויסברענען דאָס בלוט פון שלאַכטן.

היינט, דורך געסעלעך — דורך ליכטיקע בולווארן,
שמידן מיר פון טאָג — אַ פייער־פויסט:
יעדערער — אַן אַנזאָגער פון קריג־געפאַרן,
יעדערער — אין מאַרש מיליאָניקן פון ערשטן אויגוסט.

„דער פירער“

ער פירט די רודערס פון די טויטנמילן
און צעמאָלט דורך הענקערנעכט דייטשלאַנדס זונען —
מיט גאַל פון מאַרטירער
די ליפּן זיינע סלינען.

העלדן קריצן נייע זונען,
מיט גאָרגלען אַף גילאָטינע־שאַרפן:
זייערע פרילינגס דערוואָרגענע
וועלן נאָך שפּילן אַף שטורעמהאַרפן.

העלדן בויען פון קעפּ אַ בריק
צום שענסטן באַגינען;
צו נאַכט און צו טליעם — זיין וועג צוריק
וועט „דער פירער“ דאַן געפינען.

איבער אים — דער מענטש מיט האַמער און מיט אַקער
וועט פאַראַקערן יעדן בלוטיקן דאָרן.
איבער אים — דער מענטש דורך פאַרטאָגיקן פלאַקער
וועט פירן דעם מאַרש פון די יאָרן.

מאַרטירער

טריט
פון מאַרטירער:
מאָרגן-געזאַנגען
קעגן קאַלטן בליאַסק פון שעכטערס מעסער —
קענען טורמעוועגט ניט פאַנגען.

קעפּ
אַף סלופּעס צעהאַנגען
שרעקן דעם העקער אין בראַנדיקן שווייגן.
יעדער קאָפּ
מיט בלוט שווענקט אָפּ פון צייט די קאַרבן.

טריט
פון מאַרטירער בלייבן
ווי ווינטן אין פלאַמען,
און ס'בלייבט דער האַס פון אַלע גרונטן טיפער.
זייערע טויטן ברענען מיט אומרו פון זיגן,
זייערע טויטן זיינען
צו
דער
זון
שטייגן.

שרויט

שפּאַנט דער העלד פון טויטנצעלן, —
קלערט אין סוינעס ביקס דאָס שרויט:
ווײ, כ'קען זיך ניט פאַרצערן,
אַ רעגע בראַנד בין איך אַליין.
שפּאַנט דער העלד פון טויטנצעלן,
שרייט צו אים דאָס שרויט —
כ'וועל נאָך אין דיין סוינעס פריילעך העלן,
אין דיין סוינע ברען איך שיין.

אַ גרום

זיין טויט ווי אַ פּאַן פּאַרויס,
פון טליע שיקט דער העלד אַ גרום —
און ס׳לויכט זיין טויט אין פייער און אין פויסט,
זיין טויט ווי אַ פּאַן פּאַרויס.
איינזאַם אין נאַרע גייט אוים
דער „בלינדער“, דער „טרוימער“ און דער טרום —
זיין טויט ווי אַ פּאַן פּאַרויס,
פון טליע שיקט דער העלד אַ גרום.

געוויטערס

ניט פּעטליעס קענען געוויטערס בינדן,
רעגנס יאָגן מיט טריט פון בליצן —
דורך גאָלע שוואַרץ, דורך לעצטע שטונדן;
ניט פּעטליעס קענען געוויטערס בינדן,
אַזויפל קעפּ פון העק צעשונדן —
מיט לעצטן צאַפּל דעם מאָרגן קריצן;
ניט פּעטליעס קענען געוויטערס בינדן,
רעגנס יאָגן מיט טריט פון בליצן.

יוני־נעבט

אין סאָד

דער סאָד איז שיקער פון צופיל זאַפט.
אין שרונטן ציכטיקע איז אויסגעקעמט די ערד,
און ס׳פורפורט זיך די פּראַצע אַף יעדן בייט,
רויטע רויזן פלאַקערן.
דורך יעדער רויז — דער ראָזעווער ווינט
זינגט דעם זומער אויס.

דער סאָד איז בלינד פון צופיל בליאַסק.
ווי רעגנבויגנס מיניען זיך דאָ וועגן.
פון יוני-נעכט ווערט שמאַלץ אין מאַרדעס,
און ס׳הערט דער סאָד ניט קיין אַנדער געלעכטער,
ווי נאָר פון אַלטע דאַמען און געשולטע הינט.

ווען פון אַלץ, אין אויסגעכאַליעט לייב
ווערט פאַרביקער לאַנגווייל,
ברענגען זיי אַף צייטפאַרטרייב —
אַ אינגעלע, אַ פאַרמורזשעטס, אַן אַפגעריסנס.

אינמיטן סאָד
שפּרינגט אַ טייך מיט פייגל-טריט;
יעדער שפּרונג — אַ צויבער-ראָד
פון ליכט און רוים און בלענדנדיקער פרייד;
זאַטע בוימער בויגן זיך מיט געשמאַקע שאָטנס
פון אַגרעסן און בארן —
פאַר אַ פּעני איז דאָס אינגעלע אַ טויכער,
פאַר אַ ניקל — אַ קווויטשענדיקער הונט.
פּענים פאַלן, ווי מאַלאָכימלעך אין כאַלעם;
דאָס אינגעלע כאַפּט זיי פלינק און געניט.
אין זאַמדיקער טאָרבעטשקע שייערן זיך די פּענים:

פליוסק —
און דאָס אינגעלע איז שוין באַם גרונט,
מיט אַ פּעני אין פאַרבלוטיקט מויל.
די הערן לאַכן מיט די בייכער: כאַ־כאַ־כאַ;
די דאַמען קייכן מיט די מאָרדעס: כי־כי־כי.

ס׳וואָלט דאָס אינגעלע נאָך געשוואומען און געשוואומען:
די „גוטע מענטשן"
זיינען גרייט געווען אַפּולע פּענים נאָך צו וואַרפן,
נאָר דאָס אינגעלע איז פלינק אַרונטער
און איז צוריק מער ניט געקומען.
אומרואיקע רינגען
האָבן געקנייטשט דעם פלאַך פון צעטומלטן טייך
און לאַנג געציטערט ווי וואַסער־האַרפן —
דער סאָד האָט מיט ווינט און מיט פייגעלעך געזונגען.

עלציק

צום אָנדענק פון מיין ברודער

דיינע טעג פאַרשניטענע זע איך שיינען:
אַף באַדימענטע פינגער, אַף פּאַלאַצנווענט.
דיינע וואונדן פינקלען נאָך אין זייערע ווײַנען,
דיין בלוט אין זייער זונפאַרגאַנג נאָך ברענט.

אין פרילינג זע איך דיין גוף אין גראָז זיך באַיטן.
דו דערמאָנסט אָן נעכט וואָס זילבערן קופּעס קנאָכן,
ווען אַ קראָ ווי אַ טויטנפאָן — אין צעשאָסענע ווייטן
האָט אַף הארוגים-בערג — אירע פליגל צעבראָכן.

איך זע דעם שטערנוועג, ווי מיט קעפּ צעצונדענע גיין.
אַ דולער, אין שיין פון קאַנאָנען,
קרימט נאָך פון האַלב-געקוילעטע דאָס געוויין.

מיט דיין טויט, ווי מיט לאַווע אַ שטיק,
גיי איך צום טאַקט פון בראַנדיקן היינט:
בונטן! מאַרשן — ענדלאָזע מענטשן-שטריק,
ווערגן דעם יאָרטויזנטן-פיינט!

יוני־נעכט

„מיר דאַרפן טרוימען" — לענין.

אין טורמע קלינגען
יוני-נעכט ווי קייטן,
און צעשיטן זיך — אין וויאָרסטיקע רינגען
אַף מיין ענגן בעטל.

הינטער גראַטעס
טרויערן געפאַנגענע שטערן.
אין שפינוועב —
הערן ניט אויף זיך וויגן
געפייניקטע פליגן.
שרעק צעפּראַלט די אויגן פון אַ שלעפעריקער מויז.
אַ מענטש שאַרט זיך
ווי אַ סעקונדע-ווייזער פון טויטנהויז.

די ווענט קענען מיין טרוימען ניט פאַרשטעלן,
און מאָדנע גלוסט זיך מיר קלערן
פון העלדן ניטפאַרזייטע וואָס כאַלעמען נאָך פון ווערן,
און העלדן
וואָס מאַמעס זעען שוין באַגינען
אין די ערשטע ברעקלעך ראָז,
און הערן זיי רוישן אין פרילינגדיקן גראָז.
איך זע זיי לויכטן — איצט,
ווי ס׳וואָלט דאָ נאַכט מיט זון זיך ניט געזעגנט.
ווי ס׳וואָלט דאָ נאַכט מיט זון גערעגנט.

אָ, העלדן נאָך ניטגעבאָרענע!
אָ, העלדן מאָרגנדיקע!
איר וואָס וועט געפינען
אונדזער פיינט זשיפּען —
איר באָם רודער פון לעצטע קאַנאָנען:
איצט, אין האַלבענאַכט פון טורמע-צעלן
זע איך דורך גרווילנדיקער וועלט אייך העלן,
ווי מיליאָנען פייער-פאַנען.

אַ דאָלער

1

אין נאָרע

די בלינדלעכע לאַמטערן —
ווערט פינטלענדיק ניט מאַט;
די נאָרע אַקוראַט
פאַר נאַכט, פאַר וואַנצן און פאַר שטערן.

די נאָרע איז ניט דעם היצלס הינט —
אַ לעצטע, וואַיענדיקע היים;
און ניט אַ שמעטערלינג געפינט
דאָ שויב גענוג אַפילע צו פאַרגיין.

אין נאָרע איז סעם דער יונגער שמיד,
ווי אַ בוים פאַר קוזניע־ווענט געפלאַנצט —
מיט קאָוואַדלע־הענט, מיט האָר ווי פונקען אין אַ טאַנץ,
איז ער פון הייסע אייזנס דאָס גלוטיק ליד.

שליסלען קלינגען ווי האַמערס אין צעל,
אים דאַכט: ער איז אין קוזניע, די גראַטעס ברענען העל.

2

דערמאָנונג

אַ קראָם העלט אויף אין סעמס אויגן —
מיט אייזקרים, פּערדעלעך און קליידער,
מיט גליק — געוואויגן
אין גוידערס.

ס'כאַפּט זיך אויף אַ האַנט־טאַש לעם אַ פרוי —
מיט אָפענעם שלאָס ווי מיט גענעצדיקן מויל:
ס'פּלירטעווען דאָלאַרן ביינעוודיק אַזוי,
און נעמען דורך מיט זיסן גרויל.

נאָך איידער ער פרעגט דעם געדאַנק — צי זאָל ער
איינעם גאַנוועגען פאַר בידנער הויזגעזינט,
איז שוין אין האַנט פאַרקוועטשט אַ דאָלער,
און ס'קוויטשען דאַמען און ס'יאָגן בלויע „הינט".

ער הערט קריע־ריסן אין ריכטערס קאָל:
„לעבנס־טורמע, געגאַנוועט צום דריטן מאָל."

3

בענקשאַפט

די וועלט מיט בלענד פון וויינען און פון פרויען,
מיט וואַנדער־ווייטן אין וואָלקנס שוים,
מיט שטעט, מיט פעלדער אין פאַרטאָגיקע טויען —
גייט דאָ אין נאָרע פאַר ענגשאַפט אוים.

סעם קלערט: די טפיסע איז אַ באַן,
וואָס שניידט דאָס האַרץ פון רוים אַצינד,
און דערפאַר איז דאָ פון ווייט ביז ווייט אַ שפּאַן.

ווי אַף פליגל שוועבט זיין אינגסטע קינד,
אים גלעט איר לייכטער אָנבויג אַף זיין בעטל;
דאָס קינד פליט קראַנק אין פיבער;
די מאַמע מורמלט: — גאָט, ניט שרייב קיין שוואַרצן צעטל.

ווען אין די גלידער דאָס דולע בילד צערינט —
שלאָגן אין די שלייפן אַ קאַברענס טריט.
און צעל די צייט איר ענדלאָזיקייט שפּינט.

4

הונדערט פּענים

די טורמע קליבט פון געפּאַלמעסטע די שאָטנס.
הענקער היילן די זינד פון מענטשן.
עס שמעקט מיט הארץ אַף טויטנשטולן געבראָטן,
און גאָלד קלינגט פרום אין גאַלאַכס בענטשן.

סעם באַיט אין כאָלעם אוים דעם דאָלער
אַף הונדערט געפאַנגענע יאָרן —
אַף די גראַטעס דער פאַרנאַכט — אַ מאָלער
מאָלט שטעכיק פאַרבלוטיקטן קאָרן.

די הונדערט פּענים רינגלען זיך אין קייטן
און שטיקן ווי מיט הענקער־הענט דעם האלדז;
די פּענים באַפאַלן אים ווי הונדערט טויטן —
ער שלינגט ביטער זייער ברויט און זאַלץ.

ש—ט—י—ל. פון טויטנהויז קלינגט ווער די לעצטע
טריט איצט אוים,
די שטילקייט ווערגט זיך אין קומענדיקן ברויז.

אין טויטנהויז

די טורמע קריצט — מיט ציין פון שלעסער.
איינער מיינט אַז הענט ציען זיינע מידע וויעס,
גייט ער מיט פאַרמאַכטע אויגן
און וויל זיין ליבסטע מיט די פינגער זען,
און ס׳גייט פאַר אים איר שיינקייט אויף —
אין בלאָנד, אין טונקל און שאָטען.

דעם צווייטן דאַכט — ער איז נאָך ניט געבאָרן,
און ס׳איז צו אים די וועלט — אַן אָפענער אָרן.
ער פאַרנעמט אַן איימעדיקן ניגן
פון אַ טאַנצנדיקער פאַסטקע מיט מייז געפאַנגען.
ער גייט דורך ווערטער ווי דורך היילן,
און רעדט מיט זשום פון פליגן:
— אַלע פייערן גייען אוים אין שטילע רויכן,
און עפשער בין איך שוין אַמאָל געהאַנגען —
בין איך אַ מעם פון טויט אַנטלאָפן,
בין איך פון ווינט דאָס וויינעדיקע קאָל,
און וויל מיד בין איך פון לאַנגן טויט,
וואַרט אַ שטריק מיך צו הענגען נאָכאַמאָל.

שטילקייט פויזעט ווי אַ שלאַנג
און הערט —
איינער ברעכט די ענגע הענט,
דער צווייטער שאַרפט — אַפן איבעריקן האַלדז אַ מעסער.
די יוני־נאַכט קרימט איר שטערנדיקן מויל
און קלעפּט די ברעקלעך שלאָף פון ביידנס אויגן.

און דער דריטער,
מיט שווערע גלידער אַף האַרטער באַנק,
דרייט זיך אין אַ קנויל —
ער רירט זיין אייגן אָטעם אָן
און דערמאָנט זיך, אַז ער לעבט,
ער גייט דורך זיך ווי דורך צעהעלטן טרויער,
און ס׳הערט דער ערשטער זיין געזאַנג:

„נאָך הוליעט איבער אונדז דעם סוינעס שטאַרקע מאַכט,
נאָך איז מיט בלוט ביטער אונדזער מאָגער ברויט,
וועלכער שוואַרצער קויעך — וועלכער טויט
וועט פאַריאָגן אונדז פון שלאַכט?

„וועלכער באַיאָנעט וועט אונדזער עמעס צאַמען,
אַז פון נעכטן, אייערנעכטן, אָ, פון טעג מיליאָנען,
קלייבן מיר די פלאַמען —
וואָס רייסן דעם פיינט פון אַלע דוירעס אויף.

„ניט טפיסע און ניט טויט
פענטען אונדזער בראַנדיקן מאַרשרוט:
מיט וואַרעם בלוט, ווי מיט לעבעדיקן טינט,
שרייבן מיר אייער מישפּעט אַף טליעדיקער ערד.“

אין שטייג — די גראַטעס
שטעכן די לעוואָנע מיט זשאַווערדיקע שפּיזן.

אַ פישעלע

מיין מיידעלע טראַים געווידמעט

אָ, שיין פישעלע מיט פייען-אויגן:
ניט זוך דעם יאַם
אין מוטנעם וואַסער פון דער שיסל —
אויב ס׳איז צו דיר אַ זינקענדיקע וועלט
די קליינע שיסל,
וועט דיך קיינער ראַטעווען פון זינקען.

איין פליגעלע האָט דער פישער אָפּגעריסן,
ווען ער האָט אין נעץ דיך געצויגן;
דאָס צווייטע פליגעלע האָסטו אַליין צעביסן —
עפשער וואָלסטו גאַר אַוועקגעפלויגן?

דאָס קראַנקע פישעלע
האָט שוין די טראָפּנס וואַסער
פון אייגן לייב אויסגעזויגן —
פּאַטשט זי מיטן עק די שאַרפע ברעגן פון דער שיסל,
שאָבט זיך אַליין דאָס פישעלע אָפּ.

שיין פישעלע מיט פייען-אויגן,
אַפן טיש דער מעסער
סוידעט זיך מיט דעם פוסטן טאָפּ.
בלייבן וועט דיין פיין — אין ענגער שיסל.

ביסט ווי איך געבאָרן פון אַ מאַמען.
איך בין אַ מיידעלע נאָך אַ קליינע,
ווען איך וואָלט געווען גרעסער —
וואָלט איך אָפּגענאַרט דעם מעסער
און פאַרטראָגן דיך אין טיפסטע יאַמען.

וויפל פראַגן אין אַן ענטפער?

וואָס איז עלטער פון צייט?
פון איינגסטן ווער איז אינגער?
טרויער איז עלטער פון צייט.
דער מאָרגן איז פון אינגסטן אינגער.

וואָס איז נעענטער פון היינט?
ווער איז ווייטער פון ווייטסטן ווייט?
פון היינט — איז נעענטער אונדזער פיינט.
דער נעכטן איז ווייטער פון ווייטסטן ווייט.

וואָס איז ביטערער פון נויט?
פאַר הענט — וויפל אַרבעטלוין?
האָס איז ביטערער פון נויט.
די גאַנצע וועלט — פאַר אַרבעטלוין.

וויפל בלינדקייט אין אַ בלינדנס אויגן?
וויפל פונקען אין העלסטן פייער?
וויפל בלינדקייט אין אַ בלינדנס אויגן,
אַזויפל פונקען אין העלסטן פייער.

וויפל מיילן האָבן טריט — צום „אָקטאָבער“ געשפרייזט
רונד-אַרום שמאָלע קאַרצערוועגט?
אַזויפל מיילן האָבן שיפן ניט געררייזט,
האָבן וועגן מעסטן ניט געקענט.

אין דייטשלאַנד

דורך גראַטעס — לעצטע זונפאַרגאַנגען:
פּיינלעכע גרוסן צום נאָענטן באַגינען,
יעדער זונפאַרגאַנג — אַ פאַרבלוטיקט בלאַט
אַפן בוים פון וועלקנדיקער צייט.

דער טאַליען איז נאָך מיט בלוט ניט זאַט
און שרייט נאָך מערער טויט.
די פינגער ווי סאַמיקע שפּינען
זוכן אונטערן הויט
יעדן אָדערל צו געפינען.
אַלע אָדערן אַ קראַמפנדיקער קראַנץ —
דעם בלוטיקסטן שעכטער.

איבער קעפּ געהויבענע מיט בליציקע העק
גייען העקער אַ וואַקכאַנאַליע־טאַנץ;
קעגן זיי אין מאַירעוו ווי אונטערן עשאַפאַט
פאַלט אויך די זון ווי אַן אָפּגעהאַקטער קאָפּ.

פון עשאַפאַט דאָס בלוט — איז דינאַמיט,
דורך יעדער שויב — אַ וואָרנדיקער וועכטער,
מיט צאָרנדיקע אויגן יעדן טראָפּן היט —
און ווען אַ פלאַץ טאָן וועט דער דינאַמיט,
אָ, דאַן —
מיט צעגאָסן גיפט ווי אַ צעקוועטשטער שלאַנג,
וועט פאַרקערן דיך אַ זיגערישע האַנט
הינטער פייערן פון אונדזער זונאויפגאַנג.

פאַרנאַכט

פּאַכדאָנים פאַרנעמען
שאָרכלאָזן געבעט פון שטאַרבנדיקע שמעטערלינגען —
ווען הורבעס קעפּ שטייגן באַם פיר פון שעכטערם מעסער
און פאַרשטעלן פון יוני־נאַכט די לעוואָנע־רינגען.

וועגן זיינען איבער וועלט צעזייט,
ווי פון איין גוף צעוואָרפענע גלידער;
יעדער וועג — אַן ענדלאָז בייט,
וואו עס שפּראָצט דאָס בלוט פון מיינע ברידער.

דורך שפּיגלען פון פאַרנאַכט
זע איך
ווי וועגן שטרעקן זיך די ווייטע הענט,
ווי ס׳צינדט מיין ליד אַ טויער אַ פאַרמאַכטן;
זע איך,
ס׳פאַלט די נויט אין פלאַקערדיקע שלאַכטן.

דער לעצטער דיכטער

ווי אין כאָלעם
בלאָנקט נאָך אום אין גרויסער שטאָט
דער לעצטער דיכטער
פון פאַרליבטע נעכט און שטרויענע שטיבלעך,
וואו עס זילבערט לעוואָנע אויס פאַר אים
איר אומעט אַף די פענצטער.

ווי אין כאָלעם
בלאָנקט נאָך אום — דורך שטאָלענע נעכט
דער לעצטער דיכטער
און פאַרנעמט בייסוילאָמדיק אַזוי
ווי אַ ווערבע מיט אָפּגעפליקטע צווייגן —
דאָס שטייגן פון ענדלאָזע טורעמס.

ווי זונפאַרגאַנג אַף אַלטער וועלט
פאַרגייט דער לעצטער דיכטער,
צווישן ברוכוואַרג פון אַלטער וועלט
און צאַר פון פאַרמישפּעטע ריכטער,
אים פאַרביי:
בלאָנדזשען רויכן פון סירענעס,
שוועבן טרוימען פון פאַרבענקטע שטעטלעך.

שיווע־טעג —
ווי אַלטע קראָען
באַפאַלן די וואונדן פון פאַרשפּילטער צייט.
פון אַלע וואונדן איז ער דער שענסטער.
זיין שיינקייט לויכט: פון פאַרגעלטע לידער,
פון טרויערליכט — באַם צוקאָפּנס פון אַ טויטן.

ס'בלייבט דער לעצטער דיכטער
אין שטויב פון נעכטנס — אַ טעמפּע האַק;
לידער — סרייפעס פון באַגינען
קרישלען טרוימען ראָסטיקע פון לעצטן דיכטער.

אַ שטומער אינגעלע

אַז ס׳האָט דער סוינע אַמאָל — פון שלאַכט
דער רויטער אַרמיי פאַרטריבן,
איז צווישן ביקסן, בלוט און נאַכט
אַ אינגעלע אַ שטומער געבליבן.

עס הירזשען די „ווייסע" אָפיצירן —
„העי, שטומער ווערימל, פונוואַנען?
צי ביסטו ניט אַ רויטער שפּין?
מיר וועלן דיר נעמען די געהירן!"
נאָר דאָס אינגעלע שטומט אוים:
איך וויים ניט ווער איך בין.

וואַלגערט זיך
דאָס לייב פון אינגעלע צעביילט,
מיט לעכער אויסגעהוילט פון קלעפּ.
דאָס האַרץ רופט דעם סאָף גיך־גיך,
נאָר טויט קען זיין גוט און טויט קען זיין קאַרג.

דעם אינגעלע פאַרביי — איילט
אין געמאָסטענעם שפּאַן די הענקער־אַרמיי
און טראָגט אָף שאַבליעס אינדערהויך —
פון באָלשעוויקעס די בראַווע קעפּ.

ווען ס׳האָבן די „ווייסע" געהערט
פון אינגעלע אַ געוויין,
ווי ס׳קען אַ שטומער נאָר וויינען,
האָבן זיי אים געהויבן פון בלוטיקער ערד:
— דאָס אינגעלע איז טאַקע שטום,
ווי שטום עס איז אַ פאַרדאַמטער שטיין.

שטום — ווי ס'וואָלטן דאָ די פעלזן אים געבאָרן.
דאָס אינגעלע מיט די פינגער דערציילט,
ווי זעמדעלעךריידן.
זיינע ווערטער זיינען — וואונדן.
ער הערט די צעשאָסענע בערג
דורך קריץ פון טויבע שטונדן.
זיין יעדער גליד איז שטום.
ווי אַ פאַרלאָשענע זון —
פון אַ גאָלדענעם שייד,
טרוימט זיין שטומקייט אַרום
פון קלינגענדיקע רייד.

ער בענקט נאָך אַ קלאַנג,
ווי אַ הוילער לאַנדיש נאָך בליטן;
די אויערן פאַרוואונדערט היטן
פון קאַנאָנען דעם ווילדן געזאַנג.

זיינע ליפּן שאָרכן,
ווי קאַרשן אין אַ קויש —
די בליקן האָרכן
פון קראָען דעם גערויש.

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

און ס'איז דאָס אינגעלע — אין דער יוני־נאַכט,
ווי אַ פאַסיקל לעוואָנע פאַרשוואונדן:

דורך מייסים און דורך ראָבן
האָט ער צו די „רויטע“ זיך דערשאַרט.
און רויטע אַטריאַדן האָבן
פון אַלע ברעגן געצונדן
דער ווייסער הענקער־אַרמיי
און צווישן די פעלזן זיי פאַרווישט
אין אַ פליענדיקן פלאַמגעדריי.
איצט האָבן די „ווייסע“ געוואוסט —
ס'האָט דער „שטומער“ אינגעלע זיי אָפּגענאַרט.

די לינקשנדיקע קרא

1

די פעלדער האָבן איר געלערנט ליבן.
די נויט האָט איר געלערנט האַסן —
ס'איז דער בלינדער האַס פון פייער צו וואַסער,
האָט טילי אַף לואיזיאַנאַ פעלדער —
איר ליבע פאַר דזשאַנען געקליבן
און מיט איר האַס פאַרברענט די גרעניצן פון ראַסן.
און כאָטש איר טאַטנס שטאַרקע זאָמען
האָבן איר אידישן שטאַם געגעבן,
און דזשאַנס הויט איז נאַכטיק ווי לעגענדע —
איז דער שענסטער שטאַם — לעבן,
און מענטש איז — גאָטס נאָמען.

נעענטער, נעענטער ציט איר צו דזשאַנען זיך טוליען:
זי זעט איר טאַטן מיט פאַרצערנדיקע אויגן,
ווי ער וואָלט אין שטאָלפאַבריק — מיט בליצן די
שטאַבעס בויערן;
און די מאַמע איבער איר
ווי איבער אַ באַרמענען געבויגן.

נעענטער, נעענטער ציט איר צו דזשאַנען זיך טוליען:
איבער אים זעט זי אַ ליאַמע פון שייטערהויפנס הוליען,
און זי לאַשטשעט אים מיט פרעגנדיקע פינגער —
אַ, דזשאַן, ווער האָט אַזוי באַשערט
אַז פון דיין מי זאָל שמעקן קוקורוזע־פעלדער
און פון דיין לייב — דאָס ביטערקייט פון בלוט?

ס׳האָט טילים טאַטע
באַ הייסע קעסלען די יאָרן צעשמאָלצן.
ווי דורך אַ זומפּ
האָט ער געשלעפּט פאַר פרעמדע —
זונען ווי קאָסעם גאָלדענע
וואָס האָבן אים קאַרבן געשניטן;
זיינע טעג — אין די שטאָלאוויוונס פאַרשלונגען,
האָבן דער זון אויסגעמיטן.

פון זיין לעבן —
פרעגן די רעדער אין שטאָלפאַבריק.
איצט ברייט ער זיך קעגן זון,
ווי אַ פוסטער זאַנג פאַרבענקט נאָך קערנער.
ער צאַנקט אויס מיד און שטיל.
דאָס לייב טריקנט
ווי קאָרע אָף אַן איינגעזעגטן בוים,
און צוקט מיט נערוון פון צעלאָזענע שטאָלן.

אין הויז
וואַרטן טרויעריקע ליכט אָף דערוואַכונג.
אין ווינקלען האָט זיך ראַכוועסדיק צעלייגט דער דאַלעס,
און הונגעריקע מייז גריזשען האַרטן זעמל.

פרייטיק פאַרנאַכט.
טילים מאַמע — די אַלטע בייגל־הענדלערן באַגעגנט שאַבעס,
מיט אַ שמעקנדיקער כאַלע און טפּילעם אין זשאַרגאָן.
דער פאַרוק איז יאָנטעװדיק פאַרקעמט.
פלעמלעך פון ליכט
װיגן אום איר אַלטע װעלט
און גייען אויס
מיט קליינע פייערן פון שטעטל
אין ענגן הויז — אין גרוים פון לואיזיאַנאַ.
אַפן גאַזאויון דער אַלטער טשאַיניק
זשאַװערט מיט לאַטעם פון אַמאָליקע בלעכער.
די בייגל אין דעם קויש כאַלעמען פון קוינים.
אין הויז איז שטיל און אויפגעראַמט.
די קאַץ װאַשט זיך און זאָגט צו אַף געסט:
טילי גאַנװעט זיך צו דזשאַנען דורך די פעלדער
װי דורך אַ סוינעס גרעניצן —
איר גאַנג שרעקט די באַװול־בלומען,
דעם טאָג פאַרציט אַ שטערנדיקער פאָרהאַנג.

לאַנג אַזוי אין די פּריטיק פאַרנאַכטן,
ווי ס׳וואָלט דער נעגער דזשאָן שאַבעס אָפּגעהיט,
וואַרט ער אַ שלאַנקער באַ זיין טיר.
פאַר זיין גאַסט זיינען אָפן אַלע פענצטער.
אומרו וויגט זיך און צעוויגט די וואַרטנדיקע רו:
קעגן אים לויכט טילי אויף —
זי קומט אַ באָרוועסע פון טייך,
מיט אָוונטדיקן גאָלד פון טייך;
אָ, דזשאָן —
אַזויפל נאַכט און באַרג פאַרביידן,
זאָל גאָלע שיינקייט פאַר אונדז ריידן:
דיין ייכעס זיינען קוקורוזע-פעלדער און שטאָלצע קיפּאַריסן,
איז וואָס אַז דו ביסט טונקל ווי אוראַלט פון וועלדער,
ס׳האָט גאָט אונדז פון איין מענטשן-שטאַם געריסן.

אויב דיין שוואַרצקייט
קען דיין וועלט פאַרשטעלן,
וויל איך מיט מיין בלאָנדקייט
דיך צעהעלן.

נעם מיך ווי אַ סערפּ אַ זאַנגענפעלד.
צעוויקלסט מיינע יאָרן
אין ניינצן קווייטן,
האָסט דיין לייב אין מיר פאַרזייט —
שלאָגט אין מיר די גוואורע פון דיין שטאַם.

איצט איז זומער און איך שוואַנגער,
גיי איך בלאָנד און אויפגעבליט,
און וואַרט ווי רויער קירבעס אַף ראַיפן שניט.

די בערג אַרום געאָרעמט ווי פאַרליבטע.
דזשאָן באַגעגנט זי באַם טייך.
ער שמייכלט צעשראָקן מיט די פולע ליפּן.
אַ שיפל וואַרט מיט אומרואיקע וויאָסלעס.
זיי פירן די נאַכט אין שיפל,
ביז באַגינען שאַרט זיך פון די וועלדער
ווי דורך געפאַרן.
זיי רוישן שטילער פון די וויאָסלעס,
דאָס שיפל יאָגט דורך בלויען שוים
און טראָגט זיי לויטערע — צו אַ געהיימען ברעג.

מיטאָמאָל —
פאַרדעכטיקע גערודערס שוועבן,
און ס׳מורמלט טילי מיט טויט אין איר קאָל:
דזשאָן, מיין דזשאָן!
לינטשערס לויערן אַף דיין לעבן!

2

ווען טילים האַר
האָט ווי אַ וואָלף מענטשלעך בלוט פאַרשמעקט,
האָט ער פאַר אַן איידעס יעזוסן געבראַכט —
אַז דער נעגער דזשאַן האָט טילין אַף אַ בוידעם פאַרשלעפּט
און געגוואַלדיקט זי אַ גאַנצע נאַכט.

פון דאָרף צו דאָרף
האָט מיט דעם „מאַב“ געטראָגן זיך דזשאַנס גזאַר,
און דזשאַן:
מיט לייב — ווי נאַכט מיט זון אין אַ געפּעכט,
מיט אויגן — פאַכאַד פון דזשאַנגל-נעכט,
האָט פאַר שרעק געטוליעט זיך צו פערד אין שטאַלן,
און דאַן — גאַלאָפּירט צום ווילדן וואַלד.

אַףביימער האַלדזן זיך פאַרליבטע מאַלפּעס,
דאָ — שפּורן פון פאַרצוקטע מענטשן,
דאָרט — נאַרעס ליידיקע פון בערן.
אַף יעדן בוים הענגט נאַכט ווי אַ געקרייצטער נעגער.
דזשאַן שפּירט ווי אַ כאַיע אין אַ פינצטערער נאָרע
וואָס הערט נאָענט די טריט פון יעגער.
ער וואַכט — מיט אומרו פון אַ קאָפּ אין הענקערס האַנט.
אַרום —
רופט אורוואַלדטאַנץ און פויקנגוואַלד:
לינטש! לינטש! לינטש!

ערגעץ מאָנט אַ מאַמע באַ דער איקאָנע —
מיין קינד,
איבער אים גרוילט אַראָפּ פון לינטשערייען דער ווייסער גאָט;
מיין קינד,
ניט פאַר טליעס האָב איך געכאָוועט זיין געקרויזטן קאָפּ.

ווען פון דעם וואוילן דזשאָן האָט טילי
אַ טייכל בלוט געפונען,
און אַ לעוואָנע איבער איר ווי אַ גילאָטינע-שעפל,
האָט זי צאַרט געשעפּטשעט:
כ׳וועל דיך אַלץ נאָך ליבן, ל—י—ב—ן;
און ס׳האָבן מענטשן
פאַר מאַזל-בראָכע שטיקלעך שטריק געקליבן.
פון ביימער האָט ווי טרערן דער סאָק גערונען —
אין דער שיינער, פרילינגדיקער סאָוט.

בלומען פֿאַר איר זון
קלייבט „דעיזי״ צווישן קאָרן,
נאָר אַ טרונע אַ שיינע איר פֿעלט —
כאָטש נים דערפֿאַר האָט זי איר דזשאַן געבאָרן.

בלומען פֿאַר איר זון
קלייבט די מאַמע צווישן קאָרן —
דאָס פֿעלד מיט פֿייגל און ווינט,
און אַ קראַנץ פֿון דזשאַנס יאָרן.

דעיזי רעדט צו אייביקייט,
און הערט איר אייגן קאָל:
נאָך וועלן דזשאַנס פֿיינט אַף טאַיוואָלים ראַיטן
אין גהינעם אַמאָל.

דער בלומענקראַנץ דערפרישט
די פאַרשטויבטע טירן,
דורך די בלומען דער ווינט מישט
אַ שאָטנשפּיל — ווי פון דזשאַנס פאַרפּייניקטע געהירן.

אַ בלינדער קעגן זון
ווי שוואַרצקייט פאַר אַ שפּיגל,
זינגט וועגן אַ זון
אונטער אַ מאַלאַכס פליגל.

אַ בעטלער
אַף יעדן ראָג
גרוילט אוים
פון דיר און מיר די הונגערפּלאָג.

אַלטע מויערן
טראָגן דעם שווערן יאָך פון צייט
און צעפּאַלן
אין לאַנגווייל פון הונדערטיאָריקן שטייען.

אַזויפל דוירעם, —
לויערט דאָ
צווישן נויט די לינטשנדיקע קראָ,
און לאַכט מיט כאַשכעס פון יעדן גאַזרער,
וואָס מאָלט מיט סאַזשע דעם טויט אַף דער סטעליע.

אַף דזשאַנס געסלעך
גייען פייערן אוים אין וואונדיקע רויכן,
שוואַרצע טעג קלייבן זיך ווי וואָלקנס
אין וואָרנדיקע הויכן.

וווּ אַ קאַרליק דאָס נידעריק הויז,
מיט שטערן־פּאַקלען און איינגעבויגן.
די פליגן מיט וואַלד־לעגענדעס זשומען.
נאָך דזשאַנען דער קאַברען איז געקומען, —
און די אַלטע דעיזי — מיט פאַרבראָכענע הענט,
און האָר,
וווּ שאָטנס פון געלינטשטע נעגערס —
האָט מיט איר דזשאַנען זיך צעשיידט,
און אין „מאַריאַס וועלטן" אים באַגלייט.

3

פון דער אַרבעט —
גוט איז זען דאָס אונטער־ליכט פון גאַסן,
גוט איז טילין
מיט שווערן טאָג אַף אַקסלען
זיך לייגן אַפן פרייען דיל
און וואַכזאַם זיין ביז הערן
ווי שאָטנס פויזען פון ווינקל צו ווינקל —
און קלערן,
אַז נאַכט זויגט מידקייט פון די ביינער.

איינזאַמקייט דרימלט אין טונקעלע שפּאַרונעס.
אין טילים לייב —
באַהאַלט זיך אַ קינד — אַ דזשאַנעלע אַ ניטגעבאָרנס,
וואָס ליגט אין טראַכט פאַרשפּאַרט
און וואַרט
צו באַגעגענען די וועלט מיט פולע פויסטן צאָרן.

ערגעץ אַ פידל קלאָגט
ווי אַף דזשאַנס געלינטשטע יאָרן;
דורך די ווייטע טענער
האָט צו איר אַ בלענד געטאָן מיט אַלע ליכטער,
האָט אַ ברויז געטאָן מיטן גאַנצן שטאָל,
ווי אַ צויבער־ריז — ניויאָרק:
און ס'האָט טילי ווי דורך שטאָל אַרויסגעברומט —
איך קום! איך קום!
אָ, העכסטע קלעטערשטאָט,
ניויאָרק! ניויאָרק!

אין לואיזיאַנער טייכעלעך פּליוּסקען זיך די שטיינדלעך
און פּלאַפּלען מאַיסעס ווי מיט איר קינדס קאָל.
טילי שפּאַנט דורך וואַלד צו די וועגן
און הערט איר קינד
אין פּלאַטער פון שמעטערלינגען;
הינטער יאַגדע-קוסטעס
קרייזן פייערפליגן — באַגינענדיקע רינגען.

— — — — — — — — — — — — — — —

נאַכט. אָטאָם רעדערן דורך די וועגן
און בליצן אין דער ווייטקייט ווי שראַפּנעלן —
טילי קען שוין מיט די פינגער
אַן אָטאָ אין געלאַף אָפּשטעלן.

אַז הענט בײַ רודערס הייסן אָטאָם איילן,
מאַכן רוימען זיי אַ וואַרע —
מיילן אין געיעג נאָך מיילן,
שלינגען שטאָט און פעלד און באַרג.

אַז הענט בײַ רודערס הייסן אָטאָם פליען,
גייט יעדער צאַם אַרוים פון צאַמען:
ביימער רייסן זיך פון שטאַמען
און טראָגן זיך ווי אַף פליגל פון די וועלדער.

דורך מידבאַר-מיראַזשן
איז אַ רעגע — אַ לאַנגע שטרעקע וואונדער,
אַ הימל צויבער-אימאַזשן.

ווען מידע פים הייסן אַליין זיך איילן,
שלעפּן זיך טריט דורך פּאַראַקשנטע מיילן —
ווי זיי וואַלטן אין מידבאַר
פון בלוט און זאַמד געקנאָטן ציגל.

טריט אָקערן דעם גרינעם שטויב פון פלאַנצן,
און ס׳בליען שיך־שפּורן אַף די וועגן.
סעדער טראָגן
ווי אַף קיבעד דעם זומערס פאַרמעג,
היטער יאָגן „רויטע וואַגאַבונדן“,
און אין הענט
מיט פינגער געבונדן —
ליגן זאַפּטיקע פרוכטן.

די גרעניצן פון דער סאָט
פאַרוויגט אין קרעאַטור־געזאַנגען;
שטיקער אָוונט שלענגלען זיך אַף צווייגן
ווי אין באַהעפטונג פורפור־שלאַנגען.

טילי זעט:
אין דער סאָט דזשאַנס גוואורעדיקער גוף ברענט,
און ער צינדט לינטשנדיקע שטעט
מיט די ברענענדיקע הענט.

4

ניויאָרקער נאַכט האָט ווי פון היילן אַ שטילקייט אויפגעוועקט
און שרעקט דעם שטאָטישן גוואַלד מיט רו,
און גרייט שטיינערנע געלעגערס אומעטום.
טילי טוליעט זיך צום כוישעך צו.
ס׳קלעפּט דער פראָסט אויף יעדן שטיין,
איבער איר —
הענגט אַ שטיק הימלאָזער הימל ווי אַ פּאַראַליזירטע לאַטע.

אַז טילי דערמאָנט זיך אָן איר היים —
רויטלען זיך וואונדן אין אירע כאַלוימעס,
זעט זי איר גוטן דזשאָן — אַ געלינטשטן נעגער.
איר דאַכט ער איז אַצינד
דער שטיין און עלנט פון פראָסטיקן געסל,
און ווי אַן אָזול קעגנאיבער,
זיצט שיווע נאָך זיין טויט — דאָס צעקאָרטשעט פּעסל.

טילי כאָלעמט
אַז איר פּאַרוויינטע מאַמע
קלייבט אירע צעשאָטענע יאָרן,
אַז דזשאָן —
ווי פון אַן אייזטורעם אַן אָפּגעריסן גליד
פאַלט דורך גליטשיקע גרונטן,
און טאַנצט אויף פאַלנדיק—פון אַ זינקענדיקער שיף אַזאַ טאַנץ;
טילי כאָלעמט אַז עס פירן ריזן
בלאַנדזשענדיקע שטערן,
אַז אין דזשאָנס הענט — בלענדן ריטערלעכע שפּיזן.

שניי.
ווי פלינקע מאַלאָכימלעך
קעמען שנייען די נאַכטיקע קאָלטנס,
און וועבן פון פאַררויכערטע געסלעך פאַנטאַסטישע פּאַלאַצן.

באַ יעדן בערגל מיסט
וואַלגערט זיך אַ הימלאָזער קאָפּ.
דעם קאַרגן אָטעם רייסט דער ווינט.
אַ פולע לעוואָנע קרייזט אין די וואָלקנס זילבערנע רעדער —
פון די וואָלקנס דער נאָענטער שטורעם גריסט.

די נאַכט האָט אין שטאָט-לאַבירינטן זיך פאַרלאָרן.
די זון קלעטערט צו די טורעם-שפּיצן אַף פייערטרעפּ.

טילי הערט —
ווי ס׳קערט זיך אַ קינד אין איר אינגעווייד,
נאָר די לינטשנדיקע קראַ ווערגט איר פרייד —
אַז ס׳איז דזשאַנס שטאָם אויך דאָ אַ זינד,
און ווי פליי לויפט איבער איר — ראַכמאָנעס פון צדאָקע־
אַנשטאַלטן;
אין טיפן קלאַמער האַלט דאָס קינד
דזשאַנס נעגערישן ייכעס — אין טילים טראַכט באַהאַלטן.

איבער טילין שרייט
ווינט און מאַרך און שטאָל.
דאָס קינד — אַ פיינלעכער פראַגעצייכן אין איר לייב,
שטורכט מיט דעם קאָפּ ווי מיט אַ פויסט:
מאַמע, ווי ווייט איז צו דער וועלט?
און ס׳ענטפערט טילים „אוי“,
צו דער וועלט איז ניט ווייט.

אין שפּיטאָל די נאַכט איז לאַנג.
דאָס בעטל צערטלט אירע פּיינען,
די ווייסע ציכן דערמאָנען אָן טאַכריכים;
די „שוועסטער" איז אַ גוטע,
און פלעכט די האָר פון אַ גויסעסדיקער מיידל.

אין שפּיטאָל די נאַכט איז לאַנג.
אימיץ ציילט אין שלאָפגעטראַנק — פון נאַכטוואַנדלער
די שאָטנדיקע טריט.
דורך טילין שניידט דאָס קינד אַ וועג צו דער זון —
דורך אירע גלידער —
שטויסט זיך צו דער וועלט
אַ מאָרגנדיקער העלד,
שוואַרץ און גוואורעדיק ווי דזשאַנס ברידער.

5

טעג זיינען אַוועק אַ הונדערט שפּאַן.
דאָס קינד האַלבנעגעריש און שטאַרק,
מיט טילים בלאָנדקייט צעהעלט, —
ווי זיין געלינטשטער טאַטע — הייסט דזשאָן.
און ס׳איז צו אים די וועלט
מיט נויט ניט קאַרג:
זיין גאָס מיט קרומע ווענט שטייגט פינצטער — אויסגעשטאָפּט מיט רויך,
ס׳האָבן דוירעס די ציגל צעגריזשעט —
אינמיטן טאָג
זיצט די נאַכט אין בלינדע שטיבער,
ווי זי וואָלט זיך דאָ באַהאַלטן פון דער זון.

פאַרטאָג לאָזט טילי אים אין קאָהאָלשער קינדערהיים
און נעמט זיין געוויין מיט זיך אין שאַפּ.
דאָס ניטגעזויגן מילך שטעכט די בריסט
און רינט דורך איר בלוזקע אַרוים.
זי פאַרגאַנוועט זיך און צאַפּט
דזשאַנעלעס אָנבייסן אין מיסט —
וואָלט כאָטש אַ קעצעלע געווען דערביי.

באַנאַכט איז דזשאַנעלע — דער פרינץ פון גרויען הויז,
אין טילים אָרעמס איז די וועלט אים פריי.
דורך טילין שפּילט מיט פרילינגדיקער אומרו —
ס׳איז ערעוו מאַי.

אַ פּאַקלמאַרש האָט דאָ די נאַכט צעצונדן:
פֿאַרויס דער פּויק בראַזגעט זיין פֿראָסטן ליד,
געסלעך פֿאַרמורזשעטע העלן אויף מיט כאָפּטעס יונגען,
מיט פּאַקלען — מיט פֿינקלענדיקן האַס.

די נויט איז דאָ ווי אַ פֿאַרוועלקטער בוים צום שטאַם געבונדן.
פֿלאַקאַטן ערשטגעבאָרענע —
מיט צאָרן, ווי פֿלאַמען, אַף די שימלדיקע ווענט.
בלעטלעך מיט פּולווערדיקע רופֿן.
כאַפּן קינדער און טאַטעס און היימלאָזע כעוורע;
און פֿאַלט אַ בלעטל צו דער ערד,
טראָגט עס דער ווינט פֿון שוועל צו שוועל,
און לעבט די טויטע שטיינער אויף.

אַף טילים הענט גאַפֿט דזשאַנעלע אין פּאַקל־ליכט.
געסלעך ריידן ווי פֿון שלאָף —
און ס׳לויכטן קעגן טילין די פֿלאַקערדיקע ווערטער:
— ערשטן מאַי,
שטומען זאָל געברום פֿון רעדער און קוימענס,
פֿון קאָנורעס דורך ליכטיקע סקווערן
הילכן זאָל געזאַנג פֿון טריט ווי האַמער־קלאַנגען.
די נויט ווערט פֿול און פֿולער ביז צום פּלאַצן,
די העלסטע שאָ ווערט העל און העלער ביז אויפֿרייס פֿון באַגינען.
אַ, הענט פֿון אייזן, שער און דלאָט,
די העלסטע שאָ מוז שלאָגן!

— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

ערשטער מאַי,
טאָג צעבונדענער פון צאַמען —
קלייבט אונדז צונויף
און נעמט אונדזער פרייד אַרויף,
ווי אַ הוילער וואַלד — ערשטע פרילינגדיקע בלעטער.

אין ווייַרוך אַף זילבערנע אַלטאַרן
קאָרטשען זיך, ווי אַלטע ווערים, קניענדיקע בעטער;
אין מאַגנדאַווידס און אין צלאָמים
ליגן צעשראָקענע „געטער“.

ערשטער מאַי.
אין שאַפּ, טילים כושים הערן:
צעוויקלטע מאַרשן — ענדלאָזע רייען
צו אַ ציל אַ צעלויכטענעם גייען און גייען,
ס׳פאַרהילכט איר מאַשין דאָס געזאַנג פון סקווערן:
— ס׳האָט היינט די זון — דעם טאָג פאַר אונדז געבאָרן,
ברודער פון שאַפּ, פון גאַס און אומעטיקן הויז,
ניט וואָג דיין נויט מיט איינזאַמקייט צו פאָרן;
ווער ווערט היינט מיט הונגער היניען אין עלנטער שטוב,
ווען אין הייסן בלוט איז — אומרואיקע פיין,
און יעדער פון אונדז — אַ מאַיאיק ליד
אין רויטן, פאָנענדיקן שיין?
אין שאַפּ, טילים כושים הערן:
צעוויקלטע מאַרשן — ענדלאָזע רייען
צו אַ ציל אַ צעלויכטענעם — גייען און גייען,
ס׳פאַרהילכט איר מאַשין דאָס געזאַנג פון סקווערן:
— אָ, כאַוער פון פאַבריק און שאַכט,
און הימלאָזער דו, וועמענס געלעגער איז אַ שטיין,
אַ טאָג אַזאַ פון פרייד און פון האַס —
וועט קלאַמערן אין פלאַמען שווארצער מאַכט.

טילי דערמאָנט זיך אָן איר היים
און זעט: איר שוועסטערל — אַ האַיפל הויט אין וויגל.
מיט איר דער אָוונט שפּילט זיך פֿײַנלעך-שײַן;
צום פֿרילינג און צו גראָזיקע פֿליגל
זעט זי גאָט מיט איר שוועסטערל גיין.

זי געדענקט: דאָס וויגל קרעכצט סקריפּ-סקריפּ, כליפּ-כליפּ,
אַ לעצטע שאָ קרימט דעם אָוונט אויס.
איר שוועסטערל אין שענסטן ווינקל פֿונם הויז —
איבער איר דער טויט שעפּטשעט בייז:
כ׳האָב דיך ליב, כ׳האָב דיך ליב.
שטיל. אין וואַזאָנע וויאַנען פֿאַרלאָזטע בלומען.
איר שוועסטערלס געוויין האָט דער ווינט צוגענומען.

זי דערמאָנט זיך אָן איר היים
און זעט אַ וויגל מיט פּוסטקייט פֿול,
און די נויט — אַ שאָטן פֿון זויגקינד וואָס דער קאַברען
האָט צוגענומען.
טילי ווייסט —
די נויט, דאָס איז פֿון איר שוועסטערל דער שמאָלער אָרן,
ס׳איז דער רייאַך פֿון בייסווילאָס-בלומען;
טילי ווייסט —
ניט נאַכט, די נויט האָט געוויקלט איר היים אין שוואַרצן.

זי וויגט דזשאַנעלען און זעט איר היים,
און ס׳רוישן ווערטער פֿון ערשטן מאַי:
— באַזונדער,
גייען מיר מיט זשאַוווער אין די גלידער,
קוקט אַרויס פֿון אונדז די איינזאַמקייט
ווי פֿון פֿאַרלאָזטע אַלייען;

גאַרן מיר ווי פון גראָזן דאָס גרינלעך שווייגן —
צוזאַמען,
זיינען מיר אַזאַ וואולקאַנענברויז,
וואָס רייסט באַרג און פעלז אַרויס,
און זייט זון און בלי אין בראַנדיקן גאַנג;
זי וויגט דזשאַנגעלען, און יעדעס וואָרט
פלייצט מיט ליכט דורך איר געמיט.

6

און ווידער פרילינג און ווידער האַרבסט.
אין טילין דער „ערשטער מאַי" נאָך בליט,
כאָטש אין דעם ווינט טאַנצט אַצינד דער האַרבסט.
דזשאַנגלען מיט דעם טאָטנס אָרעמס, מיט אַ בליק ווי
זיינער צאַרט —
האָט זיין יאָר אַף טילין אויסגעקאַרבט.
אין טילין דער ערשטער מאַי האָט זיך צעצווייט,
כאָטש אין דעם ווינט טאַנצט אַצינד דער האַרבסט;
ס'איז אַ מאַי אַזאַ וואָס פאַרשווינדט קיינמאָל ניט.

אַזויפל שאָטנס אין איר אַלטער גאַס באַהאַלטן.
דעם טויטן זומער באַפאַלן
פייכטע ווערימלעך אין כורווערדיקע שפּאַלטן.
אַזויפל שאָטנס אין איר אַלטער גאַס באַהאַלטן;
די גאַנצע זון האַלטן
וויינען אין וואַקכאַנאַליע-זאַלן;
אַזויפל האָס אין איר אַלטער גאַס באַהאַלטן,
ווי אַ ציקלאָן וועט זיי באַפאַלן.

טילי מיט הענט ווי לעבעדיקע שווערדן — קלערט
פון הערי סימס און פון זיין בראַוון טויט.
הערי סימס פאַר אונדז און פאַר זיין גוטער מאַמען פעלט,
נאָר קעגן פיינט — ער בלייבט ווי אויפגעריסן שרויט.
טילי מיט הענט ווי לעבעדיקע שווערדן הערט:
ער יאָגט זיך קעגן פיינט ווי אויפגעריסן שרויט
און טראָגט זיך איבער וועלט
מיט בסורעס ליכטיקע פון פרייהייט און פון ברויט.

וויפל צאַר ס'איז פאַראַן אין אַ טויב פאַרן שעכטן,
איז עס ניט דער צאָרן פון בלוט אַ טראָפּן אַף אַ טורמע־שויב.
פאַר וועמען די נאַכט איז בלינדער גאַנג פון נעכטן,
פאַר דעם דער צאַר פון אַ טויב פאַרן שעכטן.
פאַר טילין די נאַכט איז אָנזאָג אַף קלאַס־געפעכטן,
אַ פעטליע אַף וועלטישן רויב.
וויפל צאַר ס'איז פאַראַן אין אַ טויב פאַר'ן שעכטן,
איז עס ניט דער צאָרן פון בלוט אַ טראָפּן אַף אַ טורמע־שויב.

דער טאָג איז — פליט, דער טאָג איז — פויסט,
און גאַס איז העל און גאַס איז גרינג,
עס פירט דער פרילינג אונדז פאַראויס —
טילי דורך פליט און טילי דורך ברויז:
מענטש און פאָן ווי וואַלד צערוישט,
מיט סינע בלענדט, מיט סינע גרינט;
טילי איז — פליט און טילי איז — ברויז,
און גאַס איז העל און גאַס איז גרינג.

די טורעמס אין ריי ווי קעגן פיינט,
שטייען גרייט אין מאַרש אַריין;
די טורעמס אין ריי — קעגן פיינט
הויבן צו דער זון דעם בראַוון היינט.
צאָרן אין גינגאָלד שיינט
און מאָנט: פון טאָג דעם גאַנצן שיין —
די טורעמס אין ריי — קעגן פיינט
הויבן צו דער זון דעם בראַוון היינט!

דאָ שפּאַנט די נויט — אַ מענטשן־יאַם,
דאָרט דורך הימל שפּאַנט די שטאָט —
און וואו איז סאָף און וואָס איז צאַם,
עס שפּאַנט די נויט — אַ מענטשן־יאַם!
טראָט איז — ווינט און טראָט איז — פלאַם:
טראָט, טראָט, טראָט־טראָט־טראָט!
דאָרט דורך הימל שפּאַנט די שטאָט,
דאָ די נויט — אַ מענטשן־יאַם!

אזוי האָט טילי
ביז ביין איר איינזאַמקייט געשניטן.
און ווען זי איז אַליין,
טוט מער די איינזאַמקייט ניט וויי.
פאַר איר שווינדט גאָט ווי טשאַדנדיקער רויך.
אין זונאויפגאַנג זעט זי לענינס אייביקן ליכט.
מאַרקס לערנט איר פאַרשטיין
דעם ווייטסטן האָריזאָנט פון איר יאָרהונדערט.
פאַרוים איר פאַרטיי —
מיט פאָן פון לענין, סטאַלין און דימיטראָוו,
אַזוי האָט טילי איר געווייין אַף קאַמף געביטן.

שטענדיק רופט איר דזשאַנעלע צום קינדערהיים.
ער קוקט אַזוי פאַרוואונדערט
אַף זיין ענגער וועלט ווי פון אַ שטייג.
ווי פריער גייט נאָך טילין די נויט,
נאָר איצט
טראָגט זי טויט דער לינטשנדיקער קראָ,
הינטער דער נויט איר אומרו שלאָגט
מיט קויעך פון פאַרבאָרגענע אוראַגאַנען.

עס שפּאַנט פון גראַטעס אַנדזשעלאָ הערנדאָן,
און ס׳פּלאַצט די פרייד אין מענטשן-כוואַליעס;
טילי אין געברום —
הערט אַ וויגן זיך פון טורמעווענט,
וואָס שאַלן מיט פאַלנדיקע ציגל צום אָנקום אַ לויב.

7

און דזשאַנעלע איז שוין פיר מאָל פרילינג אַלט.
טילי איז אַצינד
אַ רויטע פאָן איבער שוואַרצער סאַמט.
ווען גאַסן זיינען — באַריקאַדן,
פירט לענין די סטראַטעגיקע פון שלאַכטן.

און דזשאַנעלע איז שוין פיר מאָל פרילינג אַלט
איצט איז פאַרנאַכט.
ס׳ווייזט טילי אים די שייטערהויפנס פון זיין געלינטשטן טאַטן.
און ער זעט זיין טאַטן ווי אין אַ צויבער-מאַיסע.
זי דערציילט אים פון דער לינטשנדיקער קראָ,
וואָס איז מיט נאַכט באַפאַלן יעדן הויף,
און דערפאַר גייט דאָ דער טאָג ניט אויף,
ווי ס׳וואָלט די זון גאָר ניט געווען געבאָרן —
און דזשאַנעלע הערט אַלץ ווי אַ צויבער-מאַיסע.

געסלעך שלענגלען זיך מיט קוואַרעליכט,
קעגן לעוואַנע ווי קאָרטשענדיקע שלאַנגען:
אין כאָלעם שלאָגט זיך דזשאַנעלע מיט אַ בייזער קראָ;
טילי שפּירט גליענדיקע רעגעס שטייגן,
ס׳פאַרטראַכט זיך דראַטווע באַ אומעטיקע שוסטער-אָלן,
מיט בלוט און פייער שרייט דאָס אומרואיקע שווייגן.

פאַבריקן רעווען אוים — אַ קלאָגן פון געבונדענע ריזן.
נאַכט אין ווייט — באַם לעצטן ראַנד
אַ פאַלנדיקער קריגער.
פאַרטאָג — אַ מאָרגנדיק לאַנד,
די זון איז די פאָן פון זיגער.

מאָרגן

טעג וועלן וואַרטן אומרואיק און אָפן,
ווי אַף גוטע געסט פאַרבענקטע טירן —
די נויט וועט אין גרויל פון ביכער שלאָפן,
אין מאָל פון בלעטער איר געביין רירן.

דער מענטש וועט בויען אין די הימלען גאַסן,
דעם ווייטסטן גאָט אין מאַרך געפינען.
זיין וועט אונדזער פאָן — פאַרב פון אַלע ראַסן,
זיין וועט אונדזער פאָן — אייביקער באַגינען.

און אויב איך וועל מיט דיר זיך שיידן,
איידער וועסט, אָ, מענטש, געבאָרן ווערן —
נעם מיין גרוס פון דיינע נאָענטע שטערן,
הער אין מיינע לידער נעכטנס ריידן.

די וועלט נאָך וואַקלט זיך באַם טויטנראַנד,
שוין שטרעקט דער מענטש זיין מאָרגנדיקע האַנט.

אינהאַלט

אַרבעטלאָזע

זייגערלעך — 7
שטאָט און פּראָסט — 11
ברודער־אינזל — 14
מיין טאַטע הירשע־דאָוויד — 15
איך בין אַ שיק־איינגל — 18
בערל דער הימלאָזער בויער — 19
פּראָפעסאָר גראָו — 22
סאָל דער פידל־קינסטלער — 28
כאַנעלע — 30
אַ „האָלדאָפּניק" אַזאַ — 33
זייגערמייסטער — 35
אַ קינד — 38

פון מיין געסל

מיין געסל — 41
פרילינג — 42
אַפּריל — 44
איך און דו — 46
יאַסקע — 48
סילוויע — 50
בעטלענדיקע קינדער — 52
זושע אין קוזניע פון אַרבעטער־פּאָעט — 53
מיידל — 59

סאָפּזומער

יאַגדע־קלייבער — 65
פון שניט — 67
סאָוועטישע ציגיינער — 68

ארבעט — 69
א בריוול צו מיין טאַטן — 70
אין א פאַבריק פון יאָרצייט־קליידער — 71
האַרבסטיקע קליידער — 73

פלאַקאַטן

צו א סאָוועטיש קינד — 79
אויגוסט 22, 1927 — 80
דער פרעמדער האר — 82
א רוף פאר נייע קלוב־מיטגלידער — 84
קובא — 85
באם ראַנד — 86
ערשטער אויגוסט — 87
„דער פירער" — 88
מאַרטירער — 89
שרויט — 90
א גרוס — 91
געוויטערס — 92

יוני־נעכט

אין סאָד — 95
עלציק — 97
יוני־נעכט — 98
א דאָלער — 99
אין טויטנהויז — 103
א פישעלע — 105
וויפל פראגן אין אן ענטפער? — 106
אין דייטשלאַנד — 107
פאַרנאַכט — 108
דער לעצטער דיכטער — 109
א שטומער איינגעלע — 110

די לינטשנדיקע קראָ

די לינטשנדיקע קראָ — 115-140
מאָרגן — 141

פון זעלביקן שרייבער:
„דריי שוועסטער" 1932